זיבעצענטער-יאָהרגאַנג

№ 6

פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Biblj. Jagiellońska Kraków ul. Anny 19

Piątek 11 lutego 1938 | ליכט-צינדען 4.23 | פרייטאג פ' תצוה י' אדר א' תרצ"ח

15.000 מענשען זענען געווען אויף די 63 קאָנצערטען אין וואַרשא, אין ליטעראַפען פעראיין פון זעהר פאָפולערען און בעליעבטען זינגער און אַרטיסט, הומאָריסט און מייסטער פון יודישען ליעד

יאסעלע לאַזאָני

וועלכער גיט מאנטאג, ד. 14 לוטי 9 אָוועד אין פּייערלעשער-זאַל

אַנ'איינציגען פּרעמיערע-קאָנצערט

אין זיין צווייטען שלאַגער-פּראָגראַם א. נ.:

„פון שענסטען און פון בעסטען"

נייע פאָלקסטימליכע לידער, ראָמאַנטישע לידער, חסידישע מאָטיוון, הומאָרעסקעס, און אויפ'ן פערלאַנג פון פובליקום די שלאַגער-נומערן פון אַלע פריהערדיגע 6 פּראָגראַמען. — בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוק. פון ה' באַטשאַן.

PRECZ Z TROSKĄ, SMUTKIEM i NIEDOSTATKIEM

RADOŚĆ BOGACTWO ZADOWOLENIE

przyniesie Ci los ze znanej z większych wygranych kolektury

S. HAFFTKA i S. BORZYKOWSKI

Aleja 2, telefon 19-13

W 41-ej loterii co drugi los wygrywa.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען זוהן און ברודער **גאַדיל** מיט פרל. **לאה שמולעוויטש** ווינשען מיר זיי פיעל גליק. זיי זאָלען זיך עלטערן אין נחת און פרייד.

עלטערן און געשוויסטער

אונזער ליבען ברודער און שוואָגער **גאַדיל** צו זיין חתונה מיט פרל. **לאה שמולעוויטש** אונזער הארציגסטען מזל-טוב. די עלטערן — פיעל נחת און פרייד ווינשען

ליביש זשולטאַק, פרוי און טאָכטער, שמואל שמולעוויטש, פרוי, און קינד, וויעלון.

גליק און צופרידענהייט אונזער ל. ברודער און שוואָגער **גאַדיל** צו זיין חתונה מיט פרל. **לאה שמולעוויטש.** די עלטערן פיעל נחת ווינשען

שלום זשולטאַק און כלה, ראָצע געלבאַרד

אונזערע מחותנים און קוזין **שמואל שיליט** צו זיין תנאים מיט פרל. **רעלא לייזעראָוויטש** ווינשען מיר פיעל גליק. די עלטערן — פיעל נחת.

שמואל שמולעוויטש, פרוי און טעכטעריל, ליביש זשולטאַק, פרוי און קינד, שמואל זשולטאַק און פרוי.

מזל טוב ווינשען מיר אונזערע ג' שכנים **יוסף פרייערמויער** און **פרוי** צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן ה' **דוד** מיט פרל. **בראָניא ראָטבאַרט.**

דעם יונגען פאָר — א גליקליכע צוקונפט.

ב. באָטשאַן און **פרוי**

דער **פאַמיליע ליטמאַנאָוויטש** צו דער חתונה פון זייער **זוהן** מיט פרל. **שרה וואָלקאָוויטש** ווינשען מיר די עלטערן פיעל גליק, דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט.

פאַמיליע פערעצאָוויטש וויעלון.

אברהם גאָלדמאַן — בלומע אנגער

וויעלון | תנאים געשריבען | פעברואר 1938

צו דער פערלאָבונג פון מיין פריינד אברהם גאָלדמאַן מיט פרל. בלומע אנגער ווינש איך פיעל גליק — מ. יערעזאָלימסקי, לאָדז

א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך מיין פריינד אברהם גאָלדמאַן צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. בלומא אנגער א גליקליך צוזאמענלעבען און צופרידענהייט. — מ. טאָביאשעוויטש, לאָדז

אויף דעם נייעם לעבענס-וועג פון די ה"ה **גאָדל זשולטאַק** און **לאה שמולעוויטש** ווינשען א גליקליכע צוקונפט

ח. א. באָראַקס און פרוי, יחיאל פּילצער, גדליה יאקובאָוויטש, פנחס כארכאַס.

Z intencji zaręczyn kuzynki naszej
POLI LANDSBERŻANKI z panem ABRAMOWICZEM
życzymy wiele szczęścia
Wieluń — Edwarda i Henryk Szajowie.

דער פאַמיליע ליטמאַנאָוויטש צו דער חתונה פון זייער זוהן **חיים** מיט פרל. **שרה וואָלקאָוויטש** ווינשען גליק דעם יונגען פאָר און די עלטערן פיעל נחת

משה פערעצאָוויטש און פרוי, יודל קאַסריל און פרוי.

אכטונג יודישע בעל-הבית'טעס!

ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז איהר זאָלט אין אייער הויזליכען געברויך בענוצען נאָר די

זייף מיט'ן „פישעל"

אויסגעאַרבייט פון די בעסטע מאַטעריאַלען.

געדענקט, אַז די זייף מיט'ן „פישעל" וואַשט זעהר גוט און שפּאָרזאַם.

פּראָבירט נאָר איין מאָל און איהר וועט שוין קיין אַנדערע זייף מעהר נישט נוצען.

בעמערקונג: אין אונזער פאַבריק, וועלכע עקזיסטירט שוין העכער 60 יאהר ארבייטען שטענדיג בלויז יודישע ארבייטער.

FABRYKA MYDŁA
I. M. DZIUBAS i S-ka
ul. Fabryczna 1—3.

אַכטונג!

צום ענדע סעזאָן נעמען מיר אָן אַלעראַרט

קירזשנער = ארבייט

ווי אויך **גאַלאַנטעריע**

(פוקסען און פעלערינען)

צו זעהר צוגענגליכע פרייזען

רעעלע אויספערטיגונג. נייעסטע פאַסאָנען.

געבר. אָבערמאַן

אַלעע 1.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyncze.
codziennie od 10—21

אכטונג: יעדען שבת פּראַקטישע רעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט.

אנהויב 7 אָוונד. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואַשען מיט א הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר

פערבילִיגערט די פרייזען:

א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 10 גר.

א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערבילִיגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואַשען און פאַרבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.

ספעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

הננו מביעים את השתתפותנו החמה בצערו הגדול של חבר הועד של המוסד „מעות עניים והכנסת אורחים" בוילון **עוזר אובערבוים** לרגלי מות עליו אביו החסיד המפורסם

ישראל אהרן נ"ע

שנפטר ביום ו', ג' אדר צ"ח בלודז. המקום ינחם אותך.

ועד של מעות עניים והכנסת אורחים

בוילון.

את המיסד וי"ר של המוסד מושב זקנים בוילון **עוזר אובערבוים** לרגלי מות עליו אביו האיש הנכבד ונשיא פנים חחסיד המופלג **ישראל אהרן** נ"ע

הננו מביעים את השתתפותנו בצערו העמוק

ועד מושב זקנים בוילון

לידידי ר' **עוזר אובערבוים ולמשפחתו** לרגלי אבדתם הגדולה בהלקח מהם עטרת ראשם, אביהם, אבי זקנם

ישראל אהרן נ"ע

חיקר באדם. דברי תנחומים שלא יוסיפו לדאבה עוד.

יוסף שאיא ורעיתו

יודען פון פוילען וואס קומען נאָך ארץ-ישראל רייכערן נור די פּאַפּיראָסען

פון דער בעוואוסטער פאַבריק **„מספרו"** תל-אביב

100 פראָצ. יודישע ארבייט. 16-יעהריגע עקזיסטענץ.

די בעסטע אין ארץ-ישראל

לטיף | יסמין | נרקיס | אמיר | ישוב

„אריון ללויד"

סוכנות לנסיעות

ח. פשירובסקי, תל-אביב א"י

רחוב מלך גורג 14.

כרטיסי אניות אוירונים ורכבות
תיירות לכל חלקי התבל
סידור ויזות ודרכיות לכל ארצות.

בתים, מגרשים ואדמת משק למכירה.

בנק העולים

ארץ-ישראל—פולניה בע"מ

פ. ק. 425 שדרות-רוטשילד 20 טעלעפאָן 442

דעפּאָזיטען אין לויפענדען רעכענונג און בעשטימטע טערמינען.

וועקסלען און דאָקומענטען צום אינקאַסאָ.

געלד-איבערווייזונגען אין אַלע לענדער און ספּעציעל נאָך פוילען

אַלע באַנק - טראַנזאַקציעס צו די בעקוועמסטע בעדינגונגען.

דאַנקזאַגונג.

דערמיט האָב איך דעם כבוד צו דאנקען אַלע מיינע גוטע פריינד פאַר די גליקוואונשען צו דער פערלאָבונג פון מיין טאָכטער **רעגינא גוטמאַנובנא** מיט ה' **מארעק קאַליסקי.**

בברכת מלכות ישראל **חיים גוטמאַן, וויעלון.**

מאָניעק כארלופסקי — רודקא מאַרגוליס

וויעלון | קאַליש

פערהייראַט 30-טען סטיטשען 1938

צו דער חתונה פון אונזער ליבען אייניקעל און נעפע **מאָניעק כארלופסקי** מיט פרל. **רודקא מאַרגוליס** קאַליש, ווינשען מיר דעם יונגען פאָר א גליקליך צוזאמענלעבען, די עלטערן פיעל נחת און פרייד

די באָבעשע **רוזשא לעווקאָוויטש** וויעלון,
לייב כמורא, פרוי און **קינדער** בני ברק.

גם אני בין המברכים

מרדכי באָרגאַרטען ורעיתו וויעלון.

דער **פאַמיליע כארלופסקי,** מזל-טוב צו דער חתונה פון זייער ליבען זוהן **מאָניעק**

ווינשען: **טשאַרני** און **פייטל כמורא** וויעלון.

א גרוס אונזערע לאנדס-לייט אין ארץ-ישראל

זעהר אפט בעקומען מיר בריף פון טשענסטאכאווער אין ארץ ישראל, אין וועלכע זיי דערצעהלען וועגען זייער לעבען און דערביי בעקלאגען זיי זיך דערויף, וואס זיי זענען נישט פערבונדען אין איין לאנדסמאנשאפט, אזוי ווי דאס איז אין אמעריקא, למשל, אדער אין אנדערע לענדער.

עס זענען שוין געמאכט געווארען עטליכע פרובען—שרייבט אונז אונזער מיטארבייטער ה׳ גדל פרייטאג פון תל-אביב — און אזא טשענסטאכאווער פעראיין עקזיסטירט שוין פארמעל אין תל-אביב, ער וויזט אבער נישט ארויס קיין לעבעדיגע טעטיגקייט.

אז אזא טשענסטאכאווער לאנדסמאנשאפט אין ארץ-ישראל איז נויטיג, זענען נישטא קיין צוויי מיינונגען, צו פיעל פערבינדען זענען די יודען פון גלות מיט די יודען אין ארץ-ישראל און שוין נישט רעדענדיג וועגען די משפחה-געפיהלען, וועלכע דארפען קומען צום אויסדרוק, נאר אפילו בכלל אלס יודען דארף זיין אנ׳ענגע פערבינדונג צווישען אונז דא מיט אונזערע ברידער אין ארץ-ישראל.

אנצייכענען דעם פראגראם, וואס אזא לאנדסמאנשאפט וואלט געדארפט און געקאנט טהון איז נישט נויטיג, איבריגענס, שרייבען וועגען דעם צו אונז אין זייערע בריוו די טשענסטאכאווער פון ארץ ישראל און זיי שטעלען פאר א גאנצע רייהע פראיעקטען, סיי אזעלכע, וואס האבען א שייכות בנוגע אונטערשטיצען די ערשטע צייטען די עולים פון טשענסטאכאוו, סיי בנוגע פערבינדען א קאנטאקט מיט די נאהנטע, וועלכע זענען געבליבען אין טשענסטאכאוו און קאנען דא העלפען פערשפרייטען די פראדוקטען פון אונזערע ארץ-ישראל לאגדסלייט, מיט איין ווארט—פראיעקטען פעהלען נישט.

דאס איינציגע, וואס פעהלט יא, איז די פערבינדונג און אין דער ערשטער רייהע דארפען דאס טהון די טשענסטאכאווער אין ארץ-ישראל.

ווי מיר האבען אויבען דערמאנט זענען אזעלכע פרובען שוין געמאכט געווארען און אין תל אביב איז אזא לאנדסמאנשאפט געשאפען געווארען. זאלען דעריבער די תל-אביב׳ער לאנדסלייט, ווען זיי וועלען לעזען די דאזיגע שורות, זיך צוזאמענקומען און בענייען זייער טעטיגקייט זיך שטעלען מיט אונז אין פערבינדונג, אונז צו וויסען טהון וועגען זייער ארבייט און מיר וועלען פון אונזער זייט טהון, וואס עס וועט זיך פון אונז פאדערען.

מיר, יודען, סיי אין פוילען, סיי אין ארץ-ישראל, לעבען אדורך שטורמדיגע טעג, דארף זיין אונזער אויפגאבע צו האבען צווישען זיך אנ׳ענגען קאנטאקט, קודם כל דארפען דאס טהון די טשענסטאכאווער לאנדסלייט אין ארץ-ישראל און אויפ׳ן ערשטען פלאץ די טשענסטאכאווער אין תל-אביב.

ארגאניזירט אייך, און מיר זענען די ערשטע, וועלכע שיקען צו אייער פערייניגונג אונזער ברידערליכען גרוס.

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— אין שפאניען קומען פאר זעהר שווערע קאמפען. אויף פערשידענע אבשניטען פון די פראנטען האבען די אויפשטענדער אבגעהאלטען א רייהע נצחונות.

— אין דרום-אפריקא איז אלס פארזיצער פון העכסטען געריכט בעשטימט געווארען דער יודישער ריכטער לעאפאלד גרינבערג, וועלכער איז אנ׳אקטיווער ציוניסט און פארזיצער פון „קרן-היסוד“ אין דרום-אפריקא.

— פון קאנצענטראציע-לאגער אין עכו זענען בעפרייט געווארען 5 אינטערנירטע רעוויזיאניסטען דערונטער דער זוהן פון וו. זשאבאטינסקי.

— אין פראג איז פארגעקומען די וועלט קאנפערענץ פון דער רעוויזיאניסטישער ארגאניזאציע. די פוילישע רעזאלוציע, וועלכע איז אנגענומען געווארען מיט א גרויסער שטימען-מעהרהייט זאגט זיך ארויס געגען צוריק-אריינטריט אין דער „ציוניסטישער ארגאניזאציע און געגען דעם טיילונגס-פלאן פון ארץ ישראל.

— אין לעמבערג קומט פאר פאר׳ן געריכט פון געשוואוירענע ריכטער דער פראצעס פון מישלעניצער „העלד“ אדאם דאבאשינסקי. צום ערשטען מאל איז דער פראצעס פארגעקומען אין קראקאווער געריכט און זיך געענדיגט מיט א בעפרייאונגס-ווערדיקט פון די געשוואוירענע ריכטער, דער טריבונאל האט אבער דעם אורטייל מבטל געמאכט.

— דאס אפעלאציע געריכט אין ווילנא האט צום צווייטען מאל בעטראכט דעם פראצעס פון וואלף שטשערבאווסקי פון בריסק, וועלכער האט דערהרגעט דעם פאליציאנט קענדזשארא אין מאי פ. י. דאס געריכט האט ארויסגעטראגען דעם אורטייל, לויט וועלכען שטשערבאווסקי ווערט פערמשפט אויף לעבענסלענגליכער תפיסה. די פערטיידיגער האבען אנגעקינדיגט צום צווייטען מאל א קאסאציע אין העכסטען געריכט.

— דאס ירושלימ׳ער מיליטער-געריכט האט ארויסגעטראגען א טויט-אורטייל אויפ׳ן יודישען געהילפס - פאליציאנט אלטמאן, וועלכער איז אנגעקלאגט געווארען אין שיסען צו אנ׳אראבישען אויטא און פערורזאכען דעם טויט פון אנ׳אראביש קינד. דער גענעראל-קאמאנדיר וועיוועל האט דעם טויט-אורטייל אבגעשאפט פערבייטענדיג איהם אויף לעבענסלענגליכער תפיסה.

— טראץ דער שארפער אקציע פון ענגלישען מיליטער געגען די אראבישע טעראריסטען קומען ווייטער פאר אין לאנד טעראר-אקטען. אזוי האבען אראבישע טעראריסטען אונטערגעצינדען א יודישע זייף-פאבריק אין עכו, וועלכע איז פערניכטעט געווארען. טעראריסטען האבען בעשאסען דעם פאליציי אמט אין חברון און איבערגעריסען דו טעלעפאן-פערבינדונג מיט ירושלים. בעשאסען געווארען איז אויך דער לופט-פארט אין לוד.

— סוף פעברואר ווערט געעפענט דער פאסאושיר-פארט אין תל-אביב.

— אין צוזאמענהאנג מיט דעם פינפטען יאהרטאג פון דער נאצי-הערשאפט אין דייטשלאנד איז אין פאריז געעפענט געווארען די אנטי-היטלעריסטישע אויסשטעלונג. דער דייטשער אמבאסאדאר אין פאריז האט בעלעגט א פראטעסט ביי דער פראנצויזישער רעגירונג געגען די אויסשטעלונג, פאדערנדיג זי צו שליסען, די אינטערווענץ איז אבער געקומען אהן רעזולטאט.

— צוליעב דעם וואס די אייז קריע אויף וועלכער עס געפינען זיך די 4 סאוויעטישע פאלאר-פארשער האט זיך געשפאלטען, איז ענטשטאנען א געפאהר פאר די דאזיגע פארשער. די סאוויעטישע רעגירונג האט אונטערגענומען א רעטונגס-אקציע מיט׳ן צוועק אראבצונעהמען די פאלאר-פארשער פון דער אייז-קריע. עס זענען ארויסגעשיקט געווארען עראפלאנען און דער אייז-ברעכער „טיימור“. מיט דער רעטונגס-אקציע פיהרט אן פראפ. שמידט.

— אין דייטשלאנד זענען פארגעקומען שארפע רייבונגען צווישען דער ארמעע-אנפיהרונג און דער נאצי-פארטיי. אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען איינגעטרעטען געוואלדיגע פערסאנאלע ענדערונגען אין דער ארמעע. אזוי זענען אראבגעזעצט געווארען פון זייערע אמטען דער קריגס מיניסטער פעלדמארשאל בלאמבערג און דער שעף פון גענעראל-שטאב גענ. פריטש. היטלער האט פערזענליך איבערגענומען די העכסטע אנפיהרונג פון דער ארמעע. גערינג איז בעשטימט געווארען אלס פעלדמארשאל. 13 גענעראלען זענען איינגאנצען דערווייטערט געווארען פון מיליטער.

— גלייכצייטיג זענען אויך פארגעקומען ענדערונגען אין דייטשען אויסערן-מיניסטעריום. מיניסטער נויראט האט פערלאזט זיין אמט. אלס אויסערן-מיניסטער איז בעשטימט געווארען דער געוו. אמבאסאדאר אין לאנדאן ריבענטראפ. א רייהע אמבאסאדארען צווישען זיי פאן פאפען זענען אבגערופען געווארען פון זייערע אמטען.

— קיין פוילען איז אנגעקומען מיט אנ׳אפיציעלער וויזיט דער אונגארישער רעגענט הארטי אין דער בעגלייטונג פון א גרויסער סוויטע. אין קראקא איז דער הויכער גאסט בעגריסט געווארען דורכ׳ן מלוכה פרעזידענט און מארשאל רידז-שמוגלי. פון קראקא איז רעגענט הארטי אבגעפאהרען אין בעגלייטונג פון מלוכה-פרעזידענט און אנדערע הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען אויף א רעפרעזענטאנץ יאגד אין די ביאלאוויעזשער וועלדער. צום פייערליכען ראוט, וועלכער איז פארגעקומען מיטוואך אין שלאס האבען בעקומען איינלאדונגען פארשטעהער פון א רייהע יודישע ארגאניזאציעס.

— עס זענען ארעסטירט און איבערשיקט געווארען קיין קארטוז-בערעזא די שמוגלער: מרדכי סאנדזער, וולאדיסלאוו זאלעווסקי, אנשעל פעסקעס, שלום קאמאר און יעקב איגרא. די אויבענדערמאנטע זענען אנפיהרער פון שמוגלער-באנדעס און האבען געפיהרט א ברייט פערצווייגטע שמוגעל - טעטיגקייט, ברענגענדיג גרויסע שאדענס דעם פוילישען מלוכה אוצר.

— די בודזשעט קאמיסיע פון סיים האט פערענדיגט איהרע ארבייטען ארום בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1938–39. ענדע וואך הויבט זיך אן די בודזשעט-דעבאטע אויפ׳ן סיים פלענום. די סיים זיצונגען זאלען פארקומען יעדען טאג.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno - weneryczne
POWRÓCIŁ
i ordynuje od 4—7 po poł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel. 13-67.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

כשרות, כשרות...

קליינער פעליעטאן

— עס איז נישט מעהר ווי צו לאכען, כא כא כא—אט מיט אזא געלעכטער איז צו מיר אריין מיין שכן ישראל יודעל, פערגעסענדיג אפילו צו זאגען א גוט מארגען.

— וואס איז דאס געלעכטער—גיין איך נייגעריג—צי האט איהר געוואונען אויף דער לאטעריע אדער אנ׳אנדער גליק איז אייך געשעהן?

— נישט קיין לאטעריע און נישט קיין אנדערע גליקען האבען מיך בעטראפען—לאכט נאך אלץ ישראל יודעל. אויב איך לאך, איז עס צוליב דעם רעש, וואס עס האט זיך די וואך ביי אונז געמאכט ארום דעם כשרות-ענין.

— סא וואס איז דא צו לאכען—ווער איך שוין אביסעל בייז—דאכט זיך פערקעהרט, ס׳וואלט זיך דוקא געפאסט, אז מען זאל וויינען איבער׳ן חורבן, וואס הערשט אין דער יודישער מחנה אין דעם דאזיגען ענין, און ביי אייך, ישראל יודעל, א רעליגיעזער יוד, רופט דאס גאר ארויס א געלעכטער, פע, נישט שעהן פון אייך.

— איך לאך דען, ווייל עס טהוט מיר א הנאה—ווערט שוין ערנסט מיין שכן—איך לאך דערפאר, ווייל עס טהוט מיר וועה, עס איז א געלעכטער מיט יאמערקעס. איך לאך דערפאר, ווייל איך זעה, אז א סך גאט׳ס סטראשעס, וועלכע האבען זיך גענומען יעצט צו פערהיטען די היגע יודישע בעפעלקערונג פון עסען טרפות, זענען נישט אויסען די זאך גופא ד. ה. טאקי, אז יודען זאלען נישט נכשל ווערען אין אזא הארבער פאר יודען עבירה, נאר זיי האבען גאר אין זינען אייגענע אדער קלייזעל אינטערעסען.

כ׳פערשטעה נישט וואס איהר מיינט—שריי איך אויס צו מיין שכן—וואס הייסט דאס, אינדערצייט ווען עס האנדעלט זיך אין אזא וויכטיגען ענין, וואס איז איינער פון די עיקרים פון יודישען דת, מישט מען גאר אריין קלייזעל-אינטערעסען? נישט אנדערש—הויב איך אויף וואס אמאל העכער מיין קול—אז איהר, ישראל יודעל, זענט עפעס נישט מיט אלעמען, אז ביי אייך האט זיך גריהרט רחמנא לצלן דער קאסטען.

— בערוהיגט אייך פאניע סמאל—שרייט נאך העכער צו מיר מיין שכן—זעצט אייך אוועק, וועל איך אייך אויפקלערען דעם גאנצען ענין, דאמאלס וועט איהר פערשטעהן, וואס מען רעדט צו אייך.

— א סוף, רעדט—ווער איך אומגעדולדיג—זאל מען הערען, וואס איהר האט וועגען דעם צו זאגען.

— איך וועל אייך דערצעהלען פון אנהויב ביז׳ן סוף—זאגט מיין שכן—און באלד הויבט ער טאקי אן צו רעדען, וואס איך גיב איבער ווארט און ווארט.

— איהר מוזט וויסען, אז דער ענין כשרות ציהט זיך שוין פון עטליכע יאהר צוריק, נאך פון דאמאלס אן, איירער עס איז איינגעפיהרט געווארען די שחיטה גזירה. שוין דאן האבען לינקע שוחטים געשאכטען אויף טריפה און וויפיעל דער ראבינאט האט נישט ארויסגעלאזט קיין קול קורא׳ס, די צייטונגען האבען באמבארדירט, האט עס נישט געהאלפען. די יודישע בעפעלקערונג און צווישען זיי א סך שטיבעל דאווענערס — און זאל עס דא געזאגט ווערען אפען — אפילו אזעלכע, וועלכע ליארמען היינט און מאכען אן א געפילדער, שרייענדיג כשרות, כשרות, האבען אליין געלאזט שאכטען ביי ווינקעל שוחטים און ווען מען האט זיי דערויף אויפמערקזאם געמאכט, האבען זיי זיך אויסגעלאכט און עפעס-מאל נאך אנגעזידעלט אויך.

אבער נאך נישט דאס איז אלץ—זאגט ווייטער מיין שכן—עס איז נאך דא עפעס ערגערס. לעצטענס, ווען עס איז אריין אין קראפט די שחיטה-גזירה און עס זענען איינגעפיהרט געווארען קאנצעסיעס פאר קצבים, האבען אונזערע יודען נישט געקוקט דערויף און ווייטער געקויפט דארט, וואו עס איז געווען מיט א פאר גראשען ביליגער, נישט וועלענדיג וויסען, צי דאס פלייש איז כשר אדער טריפה. ווידער האט דער ראבינאט און די קהלה מרעיש עולם געווען, אנווייזענדיג אויף דעם חלול הקודש, וואס דא קומט פאר, נאר עס האט געהאלפען ווי א טויטען באנקעס. די לעצטע טעג, אבער ווען דער ראבינאט איז צוגעטרעטען ענערגיש צום דאזיגען ענין, בעשטימענדיג נאמנים, וועלכע זאלען אויף שריט און טריט אכטונג געבען אין ענין כשרות און ארגאניזירט א שטרענגע השגחה איבער יאטקעס, רעסטויראציעס, ווארשט-געשעפטען, חתונות, ברית׳ן א.ד.גל. האט דער עולם זיך געכאפט צו די כלים.

— הערט—ווערט מיין שכן אויפגערעגט—איך בין שבת מיטגעגאנגען אין שוהל אריין און געהערט די דרשות. איך בין געווען אויף דער פערזאמלונג ביי א היגען רבי׳ן, געהערט אלע רייד, און דארט טאקי האב איך זיך איבערצייגט, אז דער רוב פון די אלע יודען מיינען נישט דעם תוך, נאר דעם טפל — זיי ווילען בעזעצען דעם היגען ראבינאט מיט זייערע מענשען. איין כתה חסידים וויל אריינזעצען זייערס א מלמד אלס דיין, א צווייטע כתה ווידער ווילען אפקליידען זייערס א מענש מיט א ספאדעק. געזעהן, אז דער ראבינאט נעמט זיך ענערגיש צו דעם כשרות-ענין, האט דאס די דערמאנטע חסידישע גרופען נישט געשמעקט, ווארום ס׳וועט דאך אויסקומען, אז מען קאן זיך בעגעהן אהן זייערע דיינים, האבען זיי גענומען מאכען א רעש, געפילדער, כדי אזוי ארום זאל ארויסשווימען דער דיין ענין. אז דאס איז אזוי, וועל איך אייך באלד בעווייזען.

שטעהט א יוד אין מיטען דער אלטע און שרייט געוואלד, ווי קאן מען דאס צולאזען, אז א שטאדט מיט יודען זאלען עסען טריפות, געוואלד-געשריגען, מען דארף דאך מרעיש עולם זיין.

דערווייל געהט צו איהם צו א צווייטער יוד און רוימט איהם איין „א סוד אין אויער“ בקול רם, אז ער זאל פריהער פרעגען זיין ווייב, צי זי אליין קויפט נישט, דארט וואו ס׳איז ביליגער און דער עיקר, צי ער, דער מרעיש עולם׳ניק האט שוין אמאל אכטונג געגעבען, צי אויף דעם געקויפטען פלייש געפינט זיך דער סטעמפעל כשר. באלד איז דער שרייער פערשטומט געווארען און כהרף עין איז ער פערשוואונדען געווארען.

ביי א היגען רבי׳ן איז פארגעקומען א פערזאמלונג. זיצט דארט א געלער יוד, א שדכן (וועלכער האט נאך אין זיין לעבען קיין שידוך נישט אויסגעפיהרט) און פרעגט א קלאץ קשיה: ווער איז דאס דער היגער ראבינאט, איך זאל מיך קאנען אויף איהם פערלאזען? רופט זיך באלד אן א צווייטער יוד: זאגט נאר ר׳ יוד, ווען אין היגען ראבינאט וואלט נאר געווען אייער זוהן, וועלכער האט אין נאהנטען שטעדטיל ק. אנגעפיהרט מיט אייער כח א מחלוקה געגען דארטיגען רב און זיך מיט געוואלד דארט בעזעצט אלס דיין, וואלט שוין גוט געווען, וואלט אייך שוין געפעלען דער היגער ראבינאט, העז!

און דאן וויל איך פרעגען נאך עפיס — ווענדעט זיך צו מיר מיין שכן. אויב די חסידים ווילען טאקי מיטהעלפען דעם ענין כשרות, טא פארוואס האט מען אויף דער דאזיגער אסיפה ביים רבי׳ן אויך נישט איינגעלאדען פארשטעהער פון היגען ראבינאט אדער פון די שוחטים, נאמנים, וועלכע האבען שוין פראקטיק אויף דעם געביעט.

— וואס פרעגט איהר מיך — פרעג איך צוריק מיין שכן — היות איהר זענט געווען אויף דער פערזאמלונג, האט איהר דאך זיי דאס געקאנט אליין פרעגען.

זאל זיך אייך דוכטען — ענטפערט מיר מיין שכן — אז איך האב זיי יא געפרעגט, עס איז אבער אינטערעסאנט דער ענטפער, וואס איך האב בעקומען פון איינעם, וועלכער פערשטעהט די זאך אזוי ווי איך: במקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב — דארט, וואו א טייל פון די פערזאמעלטע האבען נאר דעם איינציגען צוועק מחלל השם צו זיין, צו בעליידיגען רבנים, דיינים און אנדערע כלי קודש, קאן מען דאך נישט רופען דעם ראבינאט, וועלכער וועט אפען ערקלערען און ארויסזאגען די אמת׳ע כוונה פון די פאליטיקער און וואס זיי זענען אויסען מיט׳ן גאנצען געפילדער...

ביי דער געלעגענהייט וואלט איך אייך נאך געקענט דערצעהלען — רעדט ווייטער מיין שכן — קוריאזען, ווי אזוי א כתה חסידים האט בעשטימט איהרס א חסיד, א געוועזענעם מאנופאקטור סוחר, וועלכער זאל אבהיטען האנאראווע דאס כשרות. שטעלט זיך אוועק דער נייער משגיח ביים שטאל, וואו די בהמה וואוינט און איז בודק מיט וואס פאר א מאכלים דער קצב איז זי מכבד, צי נישט חס ושלום מיט כלאים. שפעטער ווען מען פיהרט די בהמה צו דער שחיטה דרעהט זיך דער דאזיגער האנאראווע נאמן פאר׳ן שחט-הויז (אינעווייניג לאזט מען איהם נישט אריין), ביז מען פיהרט די בהמה אין דער יאטקע אריין און ער שטעהט אזוי לאנג ביז עס איז כלה הבהמה מן היאטקע...

אט אזעלכע און נאך ענליכע עפיזאדען וואלט איך אייך געקאנט דערצעהלען.

— כא כא כא — צולאכט זיך צום סוף נאכאמאל מיין שכן — ווען מען הויבט אויף די פארהאנג און מען קוקט היגטער די קוליסען, זעהט מען ערשט רעכט דאס שפיעל, וואס א גרויסע ארטיסטישע פאליטיקער ווילען דא אבקאכען.

וואלט דען געקומען צו דעם אלעם, ווען די אלע, וועלכע מאכען איצט אן א רעש מיט׳ן ענין כשרות וואלטען ערנסט דערמיט געמיינט. שוין א פאר יאהר צייט, ווי די קהלה און דער ראבינאט קעמפען פערצווייפעלט געגען די לינקע שוחטים און אלע איצטיגע „קעמפער“ זענען דאמאלס געשלאפען, נאר איצט, ווען זיי האבען דערביי גאנץ אנדערע פונות מאכען זיי אן א רעש.

כא כא כא — עס איז נישט מעהר ווי צו לאכען — געזעגענט זיך מיט מיר מיין שכן — כא כא כא, נא דיר א נייע מעשה, כשרות, כשרות...

סמאל

די אונאויפהערליכע ירידה פון דייטשען יודענטום

(א בריעף פון דייטשלאַנד)

ווער עס פאָהרט דורך דייטשלאַנד געפינט נישט אין דעם טאָג-טעגליכען לעבען קיין בעזונדערע שנויים, וואָס זאָלען איהם ווייזען וועגען דער טראַגישער לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די דייטשע יודען, אָבער בשעת ער וועט פערבלייבען עטליכע טעג אין א פאָר דייטשע שטעדט, וועט ער שוין געפינען, אַז די ירידה פון דעם דייטשען יודענטום איז אַן׳אונאויפהערליכע און אז הינטער דער רוהיגקייט פון דעם לעבען שפּילען זיך אָב אַ שעהן ביסעל יודישע טראַגעדיעס.

וואָס איז שייך די פּראָווינץ-שטעדט איז דאָך אָבגערעדט. בפרט אין דרום-דייטשלאַנד ווערט געפיהרט א סיסטעמאַטישע רדיפות פּאָליטיק, אַזוי האָט מען אַלע מיטגלידער פון דער יודישער קהלה אין פייכטוואַנגען (בייערן) אַריינגעזעצט אין תפיסה און מען האַלט זיי דאָרטען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי וועלען אַנגעבען וואוהין זיי האָבען בדעה צו פאָהרען אין אויסלאַנד. אין אַנדערע שטעדט פון בייערן, וועלכע עס שטעהען אונטער דער הערשאַפט פון שטרייכער, האָט מען גערופען די ראשי הקהלות און זיי געפרעגט, וואָס איז עפּיס די מעשה, אַז די אויסוואַנדערונג פון די מיטגלידער פון זייער יודישער געמיינדע קומט נישט פאָר מיט דער געהעריגער גיכקייט. מען האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב דאָס וועט נישט פאָרקומען מיט מעהר ערפאָלג, וועט מען אָנווענדען גאַנץ שטרענגע מיטלען.

אין די גרויסע שטעדט איז די לאַגע א בעסערע, בפרט אין בערלין. יודען לייזען דאָ נאָך. אָבער די בעגרענצונגען אין די קאָנצעסיעס זענען געוואָרען לעצטענס אזוי שטרענג לגבי יודען (למשל אין דער קאַפע און וואַל-בראַנזשע), אַז א סך יודישע עקזיסטענצען אין די גרויסע שטעדט זענען אינגאַנצען רואינירט געוואָרען. דער ערגסטער פאַקטאָר איז אויך אין די גרויסע שטעדט, דאָס וואָס א יוד טאָר נישט האָבען קיין גוט געהענדעס געשעפט.

אין די לעצטע חדשים זענען אויך אין האַמבורג און אין בערלין פאָרגעקומען גענוג פאַלען, אין וועלכע נאַציס האָבען פערשטאַנען צו קומען מיט תביעות צו אַזוינע סוחרים, וועגען אמאָליגע סוחרים וכדומה, אָדער מען פערשטעהט צו מאַכען אַ זייטיגען בלבול (בפרט „ראַסענשאַנדע") און מען זעצט אַריין אין טורמע אָהן קיין שום טעם, מען פערהערט נישט, מען זיצט אָב אַ פאָר חדשים, ביז וואַנען דער יודישער סוחר איז נאָכגיביג און גיט אָב דאָס געשעפט. די בעקאַנטע ענליכע „אַקציע" געגען דעם יודישען נדבן און עסקן נוסאים אין זיין איידים זעלצבערגער אין אַ פערזענליכער נקמה-אַקט פון א נאַצי, וועלכער האָט מיט יאָהרען צוריק אין א געשעפטליכען ענין מיט די נוסאים געליטען א מפּלה און איצט האָט ער זיך נוקם געווען.

נישט קוקענדיג אויף דער גאַנצער אַגיטאַציע בעציהט זיך דער פּשוט׳ער דייטש נישט שלעכט צו יודען.

די פּאָסט בעאַמטע איז פערוועהרט צו רעדען מיט יודען מעהר ווי עס פאָדערט דער אַמטליכער פערקעהר. עס פּאַסירט אָבער א סך מאָל, אַז די בעאַמטע זענען אויף דעם עובר. אפילו אין גאַס בעגריסען זיי צוערשט דעם יודישען בעקאַנטען און דוקא דעם וואָס טראָגט א גרויסע באָרד, אַז מען קען נישט קיין טעות האָבען, אַז ער איז נישט א יוד. אויך דערצעהלען בעאַמטע אַ סך פון זייערע אייגענע דאגות און צרות בשעת זיי האָבען צו טהון מיט יודען. זיי ווייסען, אַז זייערע סודות וועט מען קיינעם נישט דערצעהלען. אַזוינע פאַקטען זענען בלי שום ספק א טרייסט פאַר יודען.

אַ סך דייטשע יודען זענען אַרעסטירט צוליב „רעוויזען-פּאַרגיין". די בעשטימונגען אויף דעם געביט זענען אַזוי קאָמפּליצירט, אַז ווען מען וויל עמיצען כאַפּען, קען מען איהם נאָכווייזען, אַז ער האָט עובר געווען אויף דעם און דעם געזעץ.

פערמעגליכע יודען אין די גרעסערע שטעדט פּרובען צו פערלאָזען דייטשלאַנד, ווי עס לאָזט זיך נאָר. עס קומט פאָר, אַז גבירים לאָזען שטעהן די וואוינונג ווי זי איז און פאָהרען אַוועק, לעגאַל אָדער נישט לעגאַל. די מורא, אַז זיי וועלען רואינירט ווערען דורך עפּיס א בלבול, איז זעהר גרויס און דער דאָזיגער ליקווידאַציע-פּראָצעס פון דייטשען יודענטום איז דערווייל אַן׳אונאויפהערליכער.

ז. ח—ש.

ירוחם לעווין

א יאהר קאָלאָניזירונגס-ארבייט אין עמק בית-שאן

דער ווינטער תרצ"ז איז געווען רייך מיט רעגענס. אינמיטען די רעגענס איז געלעגט געוואָרען דער גרונדשטיין צו די נייע יודישע ישובים אין עמק בית שאן. עס האָט זיך דאַן געעפענט א נייע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע. עס זענען דאָך וואונדער געשעהן: ישובים זענען אויסגעוואַקסען אין משך פון איין טאָג. ווי א מאַגישער כוח וואָלט בעפוילען: עס זאָל ווערען! און עס איז טאַקע געוואָרען. די ערשטע צוויי נייע ישובים אין עמק בית שאן, וועמענס פּראָזשעקטאָרען האָבען אנגעהויבען ווינטער תרצ"ז צו בעלייכטען די „טערא אינקאָגניטאָ" (אומבעקאַנטלאַנד) זענען געווען: תל עמל (שפּעטער — ניר דוד) און „השדה" (נאָכדעם — שדה נחום). ווער עס בעזוכט די ביידע פּונקטען נאָכ׳ן פערלויף פון יאהר, זעהט דעם גרויסען ענטוויקלונגס וועג, וועלכע זיי האָבען דורכגעמאַכט אין משך פון דער צייט.

קינדער. אין אָנהויב איז עס געווען א ישוב פון בחורים און מיידלעך. עס הייסט נישט, אַז דאָ זענען נישט געווען קיין מאַטעס פון קינדער. דאָס קליינוואַרג פון „השדה" האָבען געבענקט נאָכ׳ן „אבא" אין זייער צייטווייליגער היים אין ראשון-לציון. אמת, די קינדער-היים פון קבוץ תל עמל איז נישט געווען אַזוי ווייט — אין דער שכנות׳דיגער בית-אלפא, דאָך נישט צוזאַמען מיט די עלטערן. ווען דער יונגער מאַטע איז ארומגעגאנגען מיט דער ביקס אַרום דער שוק-מויער, האָט ער זיך אָפּט פערטראַכט וועגען זיין משה׳לע אָדער שלמה׳לע, וועלכער קען נאָכנישט זיין מיט איהם צוזאַמען. אויפ׳ן פּראָגע עקזיסטירען נישט קיין קינדער-היימען — דאָס איז געווען דער איינדרוק פון די ערשטע וואָכען און חדשים. ווען מ׳קומט אָבער איצט אין שדה נחום, קען מען שוין ביי די עלטערן אָבנעמען א גרוס פון דעם באַראָנ׳ס הויפּט-קאָלאָניע ראשון-לציון. אויך ניר-דוד האָט שוין איבערגעפיהרט די קינדער פון בית אלפא אהיים. דער ישוב האָט שוין בעקומען א פּנים פון א משפּחה. עס זענען זיך שוין פער׳דאגה׳טע און פריילעכע פּנים׳ער פון מאַמעס און עס זענען פול מיט ארבייט די ערנסטע, אחריות׳פולע פּלעגערינס.

דער ישוב איז שוין נישט צונויפגעקוועטשט צווישען די ענגע ווענט פון דער געמאָ-מויער: ער איז שוין ארויס אויף דער פריי. מיט דער הילף פון די נאַציאָנאַלע פאָנדען האָבען שוין די נייע דערמאַנטע ישובים אויפגעבויט ווירטשאַפטליכע בנינים און וואוינונגען. פאַר די קינדער איז, ווי דער שטייגער איז, אָבגעגעבען געוואָרען דער בעסטער בנין אויפ׳ן פּלאַץ (ס׳וועט נישט זיין קיין סורפּריז ווען מ׳וועט זאָגען, אַז די געביידעס זענען געבויט געוואָרען לויט א פּלאַן, וועלכער נעמט אין אַכט אויך די געשעהענישען פון דער לעצטער צייט אין לאַנד).

וואַסער. אין דער הינזיכט איז דער גו"ל פערשידען ביי די נייע ישובים. ניר-דוד געפינט זיך אין זעהר א גינסטיגער לאַגע פון דעם וואַסער-שטאַנדפּונקט. א מענגע קוואַלען האָבען געשטראָמט איבער די שטחים, וואָס זענען אַריבער אין רשות פון קבוץ. מ׳האָט זיך צו זיי גענומען מיט א קולמוס-האַנד. פון אַלע קוואַלען האָט מען געמאַכט איין קוואַל און מ׳האָט דעם שטראָם איינגעצוימט אין רחבות׳דיגע רעהרען, איצט ברענגט דאָס וואַסער א ברכה, אנשטאָט דער קללה פון די זומפּען פריהער.

געבענטשט איז ניר-דוד מיט נאָך אַן׳אוצר — א טייכעל אבי. דאָס טייכעל איז נישט נאָר גוט צום באָדען זיך אין די הייסע טעג, נאָר עס בעהאַלט אין זיך קערנדלעך פון א נייעם ווירטשאַפטס-צווייג. מיט דער אונטערשטיצונג פון נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל וועט דאָ געמאַכט ווערען דער עקספּערימענט פון פיש פאַנג. נעמענדיג אין אַכט די טענדענץ פון דער לעצטער צייט זיך אָבצומובל׳ען אין די ברייטע וואַסערען וואָס רינגלען אַרום דאָס לאַנד, וועט דער קליינער שטראָם פון טייכעל אפשר דינען אַלס פּלאַץ פון רעפּעטיציעס פאַר פישער׳ס, שווימער א. ד. גל. ווען עס וועט ווערען רוהיגער די צייט, וועלען שול-קינדער פון גאַנצען עמק זיך ציהען צום טייכעל, בענקענדיג נאָכ׳ן וואַסער-שטראָם.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין שדה-נחום, וועלכע געפינט זיך אין צפון-טייל פון עמק בית-שאן. גאָר אינגאַנצען אָבגעדרוקט פון דעם געגענד, וועלכער איז אזוי רייך מיט וואַסער, שטעהט שדה-נחום אויף א פולשטענדיג טרוקענעם באָדען. אויך דאָ האָט זיך אריינגעמישט דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, וועלכער האָט מיט דער הילף פון דער מאָדערנער טעכניק, געפונען אַן׳עצה: מ׳ברענגט אַהער וואַסער פון מרחקים. העכער דריי און א האַלבען קילאָמעטער ווייט פון שדה-נחום געפינט זיך א רייכער וואַסער-קוואַל — דזשאַסאַק. דער אורשפּרונג פון קוואַל איז אויף רעגירונגס-באָדען, האָט זי דעריבער צו זאָגען איבער דעם. זי האָט דעריבער בעשטימט פאַר׳ן נייעם וואַסערלאָזען ישוב (שדה-נחום) א געוויסען קוואַנטום וואַסער און עס זענען געלעגט געוואָרען רעהרען אויף דער גאַנצער לענג פון קוואַל ביז׳ן פּונקט.

ווען מען קומט איצט אַראָב אין ביידע נייע ישובים און מ׳זעהט ווי ברייטליך זיי האָבען זיך אויסגעבויט ווירטשאַפטליך און געזעלשאַפטליך; ווען מען דערוויסט זיך ווי אַזוי זיי האָבען געלונגען רעגולירט די וואַסער-פּראָגע; ווען מען הערט דאָ דעם הילכיגען קלאַנג פון קינדערישען געלעכטער — זעהט מען און מ׳פיהלט, אַז דאָ זענען שוין איינגעפונדעוועטע ישובים, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי זענען אַלט נישט מעהר ווי איין יאהר.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

ווילנא.

מיין היינטיגער „וואָס געהערט, וואָס געזעהן" וועט זיין געווידמעט דעם ווילנער געזעלשאַפטליכען לעבען און דאָס צוליעב פאָלגענדע טעמים: ראשית, האָט אונזער צייטונג א ספּעציעלע ווילנער אָבטיילונג מיט אַן׳אַרטיגער רעדאַקציע, מיט׳ן גאַנצען קלאַפּערגעצייג, סאַ ווי געשיקט עס זיך, אַז מען זאָל כאָטש איינמאָל אין יאהר נישט אויסקשענקען אין „וואָס געהערט וואָס געזעהן" דער דאָזיגער שטאָדט, איבערהויפּט, ווען די ווילנער רעדאַקציע האָט מיך איינגעלאַדען צו בעזוכען זייער שטאָדט און זיך מיט אייגענע אויגען איבערצייגען וועגען זייער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. והשנית, טאָר מען זיך מיט אַזאַ שטאָדט ווי ווילנא נישט וואַרפען; ווילנא איז אַמאָל אין די אַלטע צייטען געווען אַ מיוחסת — אונזער טשענסטאָכאָוו האָט פּאַרצייטענס געהערט צום ווילנער פּאַוויאַט און אויך אין דער גאָהנטסטער צוקונפט וועלען מיר צוזאַמען מיט ווילנא געהערען צו איין וואָיעוואָדזטוואָ, צו דער לאָדזער, וועלען מיר דאַן איבערהויפּט ווערען מחותנים. און גלאַט אַזוי, פאַרוואָס זאָל זיך טשענסטאָכאָוו נישט אָברוהען אויף איין וואָך — די וואָכעדיגע נייעס וועלען אייך נישט אַנטלויפען. און איבריגענס, טאָמער וועט דאָך עפּיס זיין א שטיקעל וויכטיג געשעהעניש, וואָס וועט נישט קאָנען וואַרטען, וועל איך אייך עס געבען אויף אַן׳אַנדער אָרט.

הכלל, נאָך דער דאָזיגער הקדמה קאָן איך שוין דרייסט צוטרעטען צום ווילנער טראַקט.

אַלגעמיינער חורבן.

ווילנא האָט אַנ׳צרך 14 הונדערט יודישע פאַמיליעס און איין גאָט ווייסט פון וואַנען זיי מאַכען א לעבען. אין ווילנא פיקוזי״ם מען נישט קיין יודישע געוועלבער, נאָר היות ווי ווילנא האָט נישט קיין פאַבריקען און במילא זענען נישטאָ קיין ארבייטער, איז טאַקי נישטאָ ווער עס זאָל קויפען ביי יודען, ווייל די שטאָדטישע קריסטען שעמען זיך אריינצוגעהן צו אַ יודען, מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל זיי נישט אויסלאַכען.

דער איינציגער עלעמענט, וואָס וואָלט נאָך געקויפט ביי יודען איז דער פּויער, וועלכער קומט 2 מאָל אין דער וואָך דינסטאָג און פרייטאָג אין שטאָדט אריין. הענגען אָבער ביי די פּוילישע סטראַגאַנעס פּלאַקאַטען מיט די בעריהמטע אויסדריקען: „פּאָליאַקען קויפען נאָר ביי א פּאָליאַק", און היות ווי די יודישע סטראַגאַנעס שטעהען צוזאַמען מיט די פּוילישע, במילא לייזען יודען זעהר ווייניג.

לעצטענס האָבען זיך אויך אין ווילנא געעפענט אַ רייהע „אָוושעם"-געוועלבער פון פּויזנער סוחרים, וועלכע זענען אויסגעפּוצט מיט געשמאַק. אזוי קומט אויס, אַז דער שטאָדטישער קריסט מוז פאַר חרפּה קויפען ביי די נייע „אָוושעם"-סוחרים און די פּויערים ביי די נייע „אָוושעם"-סטראַגאַנעס, אַזוי אַז די אַלטע יודישע סוחרים מאַטערען זיך און ס׳בלייבט זיי בלויז איבער צו האָפען אויף בעסערע צייטען.

איך יעדענפאַלס האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין דער דאָזיגער הינזיכט מוז ווילנא, כאָטש מען פּיקעטירט דאָרט נישט קיין געוועלבער און ס׳קומען אויך פאָר ווייניגער אָנפאַלען אויף יודען ווי ביי אונז, איז דאָך דער עקאָנאָמישער בעיקאָט ערגער ווי ביי אונז.

דערפאַר אָבער איז אין ווילנא זעהר שטאַרק ענטוויקעלט דאָס קהלה-און איבערהויפּט

דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען.

מיט העכער 20 יאהר צוריק — געדענק איך — בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט אין ווילנא עקזיסטירט אַ יוגענד-פעראיין מיט א ביבליאָטעק, וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע בעסערע ווילנער יוגענד. שפּעטער האָט זיך מעהר ענטוויקעלט דאָס פּאַרטיי-לעבען און דער יוגענד-פעראיין איז זיך צופאַלען.

די הויפּט פידעל האָט אָבער אין ווילנא געשפּילט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט א שם מיט איהר אַרבייט סיי ביי די קרנות, סיי ביי אַנדערע ציוניסטישע געביטען, נישט בלויז אין ווילנא, נאָר אויך אין דער גאַנצער אַרומיגער געגענד.

אין דער ווילנער ציוניסטישער מחנה גופא קומט אָבער פאָר אַ פערביטערטער קאַמף צווישען די אזוי-גערופענע „עת לבנות" מיט די „צל המשמר", וועגען וועלכע איך וועל שפּעטער דערצעהלען. דערווייל וויל איך ווידמען עטליכע שורות דעם קהלה-לעבען אין ווילנא.

נישט לאַנג ערשט, ווען די ממשלה איבער דער קהלה האָט געהאַט די „אגודה", האָט זיך דאָרט אַלס געפיהרט אַזוי ווי אין אַ חסידים-שטיבעל, דהיינו, קיין בעשטימטען לאָקאַל האָט די קהלה נישט געהאַט, גאָר אַלץ האָט זיך געפונען ביים פּרעזעס אין וועסטיל-קעשענע. אויך די זיצונגען, אויב זיי זענען אמאָל פאָרגעקומען, האָט מען געמאַכט אין א פּריוואַטער וואוינונג אָדער מען האָט זיך גלאַט אַזוי אָדורכגעשמועסט אויף דער גאַס אָדער ביים פּרעזעס אין שטוב. נאָר ערשט לעצטענס, ווען אין ווילנא איז בעשטימט געוואָרען אַ קאָמיסאַר אין דער פּערזאָן פון דעם זעהר ענערגישען און טאַלאַנטפולען כלל-טוער ה׳ יונג, האָט זיך די לאַגע געביטען. קודם כל האָט ה׳ יונג אויסגעזוכט א לאָקאַל פאַר דער קהלה, כדי איהר צו פערשאַפען אין דער ערשטער רייה א ביסעל אָנזעהן.

און איצט, ווען אין דער שפּיץ פון דער ווילנער קהלה שטעהט דער זעהר ענערגישער כלל-טוער ה׳ אליעזר בערקאָוויטש, וועלכער האָט א חוש פאַר געזעלשאַפטליכער ארבייט און געהט קאָנסעקווענט אויף זיין וועג, בעקומט די קהלה וואָס אַמאָל אַלץ מעהר אָנזעהן ביי דער יודישער בעפעלקערונג און נאָך מפור ביי דער נישט יודישער בעפעלקערונג. צווישען אונז זאָל עס בלייבען, האָט די ווילנער קהלה זיך נישט צו פערשעהמען פאַר די קהלות פון די גרעסטע שטעדט און אפילו פאַר אונזער טשענסטאָכאָווער קהלה — אויך די ווילנער קהלה האָט אָפּאָזיציע, וואָס לויפט אין די קאָרידאָרען פון דער סטאַראָסטווא מיט פּאַפּירלעך און מעמאָריאַלען. דער קהלה-פּרעזעס ה׳ בערקאָוויטש אָבער איז פעסט ביי זיך, אַז ער זאָל זיך דערפון עפּיס מאַכען.

אַלס אילוסטראַציע וועגען דער פעסטער האַנד פון פּרעזעס בערקאָוויטש קאָן דינען דער פאַקט, וואָס ער האָט ליקווידירט די אַלטע חברה-קדישא, וועלכע האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפען די בעשלוסען פון דער קהלה-פערוואַלטונג און זיי אויסגעטוישט אויף א צווייטער חברה אונטער׳ן נאָמען „חסד של אמת". דער קאַמף מיט דער חברה קדישא האָט זיך וואָס אַנ׳אמת נאָך אָנגעהויבען אין די צייטען פון ה׳ יונג, גאָר פּרעזעס בערקאָוויטש האָט זי מיט אַ פעסטער האַנד אָדורכגעפיהרט.

אין דער קהלה קאַנצעלאַריע אַרבייט אַלס הויפּט סעקרעטאַר אונזערס א בן עיר דער ה׳ יעקב אלי עדעליסט, אַ זוהן פון היגען געוועזענעם דאַזאָר דוד יצחק עדעליסט ז"ל. אויך געהער צום קהלה-ראַט א טשענסטאָכאָווער יוד, ר׳ יחיאל עפּשטיין, א זוהן פון היגען סוחר ר׳ אברהם׳עלע עפּשטיין.

פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

צום שבח פון די ווילנער יודען מוז מען אַנערקענען, אַז זיי האָבען אויך א חוש פאַר פילאַנטראָפּישער ארבייט.

קודם כל מוז בעגריסט ווערען דאָס, וואָס אין ווילנא איז איינגעפיהרט געוואָרען דאָס אזוי-גערופענע „אָבפערטיגעלד" פאַר אָרימע לייט. יעדער אָרימאַן, וועלכער קומט קיין ווילנא, דאַרף זיך ווענדען אין אַזאַ ספּעציעל צו דעם צוועק בעשטימטען פּונקט און דאָרט בעקומט ער א געוויסע סומע און פאַרטיג, ארומגעהן שנאָרען איבער די הייזער און געוועלבער — טאָר ער נישט. ווייסען מיר דאָך דעם טעם דערפון, בעת עס זענען דאָ קונים אין די געוועלבער און ט׳לאָזען זיך דאַמאָלס פּונקט אריין אָרימעלייט און פערדרעהען דעם קאָפּ. ווילנער סוחרים זענען פון דעם פּטור. זיי צאָהלען איין זייער מעות עניים און זענען יוצא.

ס׳איז אויך פערהאַנען אין ווילנא א מוסטערהאַפטע „הכנסת אורחים" מיט 13 בעטען, איינגעאָרדענט נישט ערגער ווי אין א דורכשניטליכען האָטעל. כאַראַקטעריסטיש זענען די אויפשריפטען און די בילדער אויף די ווענד. אַט, למשל, איז דאָ א בילד, ווי אזוי אברהם אבינו, דער גרעסטער מכניס-אורח, זיצט אויף דער שוועל פון זיין טהיר און קוקט ארויס אויף אורחים, און ווען די דריי מלאכים בצורת מענשען קומען אָן צו געהן, לויפט ער זיי אַקעגען און פערבעט זיי אין זיין הויז אריין. באַלד זעהען מיר די דריי אורחים: איינער אָנגעטאָהן אין א יעגער-היטעל מיט א ביקס אויף די פּלייצעס, דער צווייטער מיט א רויט טערקיש מיצעל און א דריטער אויך אין מאָדערנער קליידונג זיצען אונטער׳ן בוים — והשענו תחת העץ, אויף וועלכע עס וואַקסען רויטע עפּעל אָדער פּאָמעראַנצען, אין דער טהיר שטעהט די מוטער שרה, וועלכע הערט זיך צו צום געשפּרעך, וואָס די מלאכים פיהרען מיט אברהם אבינו, דערביי איז דאָס בילד פערזעהן מיט די געהעריגע אויפשריפטען פון חומש, וואָס האָט א שייכות אָט צו דעם געשעהעניש. אין א צווייטען צימער איז ווידער פערהאַ-

פייטל דער קברות-מאַן.

(נאָוועלע)

(סוף)

יאהרען און עלטער—דאס זענען נאַ-טירליכע טריט, וואס דערנעהנטערען דעם מענשען צו זיין סוף, צום אונ-טערגאַנג, און מעג עס זיין אפילו אזא פויז קרעפטיגער געבוי, ווי א פייטל-קברן, א דעמבענער גוף מיט שטאָלע-נע אברים—דאָך דערקריכען די יאהרען אין די טיפסטע אינערליכקייט און לאָזען איבער דעם געהעריגען רושם.

און אזוי איז טאַקע געווען. ווען די עלטער האט זיך בעגעגענט מיט פייט-לען איז זיין געזיכט געוואָרען נאָך מעהר צעאַקערט און געקאַרבטע קניי-טשען; דער בליק—נאָך מעהר שטאַר און פער'חלומ'ט; די בלאָנדע באָרד איז שוין כמעט אין גאנצען גרוי גע-וואָרען—און קוקענדיג אויף זיך אליין איז איהם, פייטלען, עפּעס א מאָדנע אויסטערלישע שרעק בעפאַלען, א שרעק, וואס ס'איהם א גאנצען לעבען איינגאנצען פרעמד געווען—די שרעק פאַר'ן טויט...

אָט די אלע ענדערונגס סמנים פון זיין אייגענעם אויסזעהען, האבען איהם גענומען עגבערן אין מוח, אז אויך ער, פייטל, איז ווייט צו זיין אין דער ווירקליכקייט יענער אומבעזיגבארער פון דער גרויסער מאכט, וואס הייסט—טויט...

זיין געדאַנק האט איהם גענומען מאַהלען בילדער, זכרונות פון געווע-זענע לעבעדיגע מענשען, וואס האבען זיך איבערגעטראגען דאָ אויפ'ן פלאַץ און אויף זייער אָרט אין שטעדטעל שוין איצט גאַר אנדערע,—און אזוי אייגענטליך האבען יענע שטאַר-בענדע אויך בעזעסען אייגענע סמנים, וואס מ'קען זעהן איצט אויף פייטלען אליין.

אָט ביי דער אינערליכער שרעק פאַר'ן טויט, וואס האט זיך ביי איהם איצט בעוויזען, האט איהם גענומען שטאַרק פייניגען די איינזאַמקייט צווי-שען אלטע און נייע בערגלעך און מצבות, דערפאַר טאַקע האט פייטל אנגעהויבען זיך ווייזען אָפטער צווי-שען מענשען, דער עיקר אין שטעד-טעלשער שולע ביים אויווען, וואו ער פלעגט זיצען און טראַכטען, און פיעל אָפטער פלעגט מען איהם שוין דאָרט זעהן זיצענדיג און זאגענדיג אין דער שטיל תהלים. און ביסלעכווייז, ווען פייטל איז געוואָרען א שטענדיגער זיצער אין שוהל, האבען מענשען, ווי אויך קינדער, זיך גענומען צוגעוואוי-נען צו איהם, קומענדיג צו דער אי-בערצייגונג, דאס אויך ער, פייטל, איז דער זעלבער מענש ווי אלע און אז אויך ער איז בעהערשט פון שרעק פאַר'ן טויט אזוי ווי אלע אנדערע.

און פון דאַן אָן האט זיך געמערקט א מין התקרבות צו איהם, בעזונדערס אין די ווינטערדיגע נעכט און פאַר-טאָגס, ווען דער עולם פלעגט זיך פערקלויבען צו איהם אונטערן אויווען אויסהערען פייטעלס שרעק-מעשיות, וואס ער, ווערענדיג, די לעצטע צייט רעדעווודיג, פלעגט דערצעהלען וועגען חלומות און זעהונגען, קולות און ביל-דער, וואס ער האט אין זיין קברן-לעבען אדורכגעלעבט, דערצעהלענדיג עס מיט א קלאָרער פרימיטיווער שפּראַך, אז ס'פלעגט יעדען איינעם גרוילען אין שרעק פון בלויזען הערען אליין און נאָך זיינע אזוי לאָקענדע מעשיות פון דעם מיסטיש שרעקענדען טויט, פלעגען שוין חדר-יונגלעך אין די אָוועגדען נישט לאָזען זיך געהן אהיים אהן א בעגלייטונג פון עטליכע גרויסע דערוואַקסענע.

דאס רעדען אזוי פיעל וועגען טויט, האט פייטלען פערלייכטערט די לאַנג-ווייליגקייט און געשאַפען אינטערעס צו איהם מצד די אלע מיטהערער, אָבער דערפאַר האט עס איהם אליין אינערליך, נאָך מעהר שוואַך און שרע-קעוודיג געמאכט. דאס האט מען אויך געקענט בעמערקען בעת זיין ארבייט. די גרימאַסען וואס ער פלעגט דאַן מאכען און דערביי אויך דאס אונ-היימליכע אויקעניש און קרעכצעניש, האבען ארויסגעגעבען דעם אינערלי-כען אומרוה און שרעק, וואס האבען איהם געפּייניגט.

מיט דער צייט האט מען געקענט אָפטער הערען אין זיינע אלע געשפרע-כען רעדענדיג וועגען זיך, וועגען זיין איינזאַמקייט און שטאַרבען אהן א איינציגען קדיש—און דערביי פלעגען זיינע פערטראַכטע גרויסע אויגען שטאַרק פייכט ווערען.

די טעג פון עלטער געהען שנעל, האַסטיג זייער גאַנג, אזוי ווי דאס קוילערען פון באַרג-אַראָב. פייטל האט זיך געעלטערט מיט יעדען טאג, בע-זונדערס נאָך דעם, ווי ס'איז איהם אויסגעקומען זיך צו בעשעפטיגען מיט זיין מלאכה און מקבר זיין איינעם. דאס האט איהם שוואַך געמאכט זיין אזוי אויך קרענקליכען געמיט און נאָכמעהר ווייס געמאכט זיין אזוי אויך געגוג גרויסען קאָפּ און שיטף-געקאָלטענעוואַטע באָרד.

אָט די שטאָלענע נערוועז, וואס פלעגען זיין אומבעריהרליך און פער-האַרטעוועט ביי א צווייטענס אומגליק, האבען זיך ארויסגעוויזען פאַר שוואַך און קרענקליך ביים אויסהאלטען די שרעק און ציטער פון דאס אייגענע האַרץ.

פייטל, האט זיך שוין קוים גע-שלעפט אויף זיינע הויכע אָבער געגוג שוואַכע פיס, געזעסען לעבען אויווען און געהאלטען אין איין ציהען דעם לאַנגען ציבוק פון דער אויסגעברענ-טער ליולקע, האלטענדיג אין כסדר דערשיטען טאַבאַק און לאָזען דורך די פערגעלטע וואָנסעס קנוילען רויך.

ער האט שוין מעהר קיין מעשיות נישט דערצעהלט, ער האט זיך גע-שראָקען פאַר זיין אַמאָליגער ויכער-קייט—נאָר דאס איינציגע פלעגט מען יאָ אַמאָל הערען ווי ער רעדט צו זיך ארויס זיין לעצטען פערלאַנג—און דאס זאָל זיין דער איינציגער וואונש—נישט צו מאַטערן זיך, נישט בלייבען איינזאַם מיט קיין קרענקליכע שוואַכ-קייט—און זיין דאָזיגער וואונש איז איהם גאנץ גיך מקוים געוואָרען.

פיזיש איז נאָך פייטל געווען ווייט נישט ענליך צו זיינע יאהרען, אָבער ווייזט אויס, אז די שרעק פאַר'ן סוף און די זאָרג פון נישט לאָזען נאָך זיך א קדיש—דאס האט איהם געבראָכען און צוגעפּאַסט ווידער צו די יאהרען און אָט די שרעק האט מיטגעהאָלפען צו דערנעהנטערען די ענדע פון זיין לעבען.

די לעצטע טעג, ווען פייטעל האט שוין נישט אָמבעסטען זיך געפיהלט, האט מען איהם בעמערקט אַרומשפּאַצי-רען איבער די קברים צווישען די ווילד-געוואַקסענע סאָסנעס, געלאָסען, אָב-שטעלענדיג זיך ביי יעדען בערגעל און בעטראַכטען — אָזוי גוט ווי ער וואָלט זיך אויסגערעדט צו ווערען זייערס אָ מיט שכן און אויסוועהלען פאַר זיך עפּיס א פּאַסענדען פּלאַץ.

פייטל האט זיך נישט גענאַרט. דער טאָג איז געקומען. דאס איז געווען אָ רוהיגער פריהמאָרגען. פייטל האט זיך אַרומגעשפּאַצירט איבער די קליינע וועגעלעך, זיך צוגעהערט פערטראַכט צו דעם ווילדען „קרא" פון די אלע שוואַרצע קראָען, וואס נעסטען אויף די שפּיצען בוימער,—ערשט מיטאָמאָל א אנזאָג צו פייטלען צו גראָבען א קבר פאַר איינעם, וואס איז פּלוצלונג געשטאָרבען.

— גיכער גיכער, פייטל, באַלאַמוּ-טשעט נישט!

פייטל האט זיך קוים גערירט מיט זיינע שוואַכע טריט און געגראָבען, געגראָבען-מיט שווייס און לעצטען ביסעל כח, דורך זיינע קנייטשען און קאַרבען האבען ריטשקעלעך שווייס געגלאַנצט און אויך פון די פערטראַכ-טע גרויסע אויגען האבען טרעהרען געפינקעלט. ער גראָבט און ביי יעדער רידעל ערד רוהט ער זיך אָב פון פּערמאַטערטקייט, און ביי יעדער מי-נוט רוה, רעדט ער ארויס זיין ווייטאג און קרעכצט אָב—ווער ווייס, צי ער וועט קענען א צווייט מאָל שטעהן ביי דער ארבייט? ניין, זיינע כחות ווע-לען איהם געוויס נישט ערלויבען, וועט ער דאָך דאַרפען אָנקומען צו פרעמדע הילף?—אוי, צו וואס, צו וואס פייטל, האט דערלעבט, נישט קענען אויפגראָבען א רידעל ערד.

פייטעלס זאָרג אויף שפּעטערע צייט האט זיך אָבער ארויסגעוויזען פאַר אומזיסט. אויב שוין יאָ א קרעכץ, א טרעהר, האט דאס גאָר בעדאַרפט זיין אויף זיין איצטיגען גראָב, אויף דער ערפילונג פון זיין אייגענעם פערלאַנג.

און אזוי איז טאַקע געשעהן. פייטל האט זיך מעהר נישט בעדאַרפט מאַ-טערען אין שוואַכקייטען. און אויך זיין פערלאַנג האט זיך אויסטערליש ער-פולט.

— — — — — — — — —

און ווען די אלע מלוים זענען גע-קומען מיט דער לוי' צום אָפענעם קבר און דערזעהענדיג פייטלען מיט'ן רידעל אין האַנד, ליגענדיג א איינגע-דרייטען ביים בערגעל זאַמד פון אויס-געגראָבענעם קבר—האבען אלע מסכים געווען, אַז דער לעצטער געגראָבענער קבר פון פייטל קברן, דאַרף טאַקע זיין מוקדש פאַר איהם אליין.

יאָ, אלץ איז געווען צום אויסריכ-טען אָנגעגרייט דורך פייטלען אליין. תכריכים, ליכט און אויך דער אָפענער קבר, געגראָבען מיט די לעצטע ביסעל כחות—פאַר זיך אליין.

נאָר דאס איינציגע וואס איז געווען דורך פ ר ע מ ד ע, איז טאַקע דער געזאגטער קדיש, וואס האט אויך איצט ארויסגעוויזען די איינזאַמקייט פון זיין לעבען.

און אזוי געדענקט זיך טאַקע פלעגט פייטל האלטען אין איין איבער'חזר'ן זיין פיינליכע פראַזע: א גאנץ לעבען האָב איך געזאגט קדישים פאַר אנ-דערע—און אמענדע—וועלען דאַרפען אנדערע, פרעמדע, זאגען קדיש נאָך מיר...

ז. גלאָז

קאָזשימיעזש פּושערווא - טעטמייער

צי הערט איהר...

דייטשלאַנד ענד קאַמפ. געווידמעט — טון איבערזעצער

צי הערט איהר, צי הערט איהר דעם טויבען ים-ברום?
פון זון שנעע צוגאנגען, פון זון אייז קומט אום;
די וואַסערן רוישען, אַט קומען זיין שוין —
און טהאָלען פערגיסען, דערלאַנגען בערג-קרוין.

די קראַפט אייך זי קומט שוין אויף גאַרנישט צונויף
אייערע קאַנאַלען — פאַר וואַסער א וויץ.
צובראָכט עס, צושמעטערט, וואַס שטעהט איהם אין וועג
איהר הערט נישט ס'געזאַנג, וואָס שאַלט פון דעם ברעג?

נאַרט אייך נישט בחנם! ס'וועט ברעכען די ראַנד,
די וואָל וועט פערגיסען אויך אייער ברייט לאַנד,
פּאַלאַצען פערשלינגען, אויך איהר מאַכט אייך גרייט...
ווייל איהר וועט פערשווינדען... פערביי אייער צייט!

(איבערזעצט — אברהם פויגעל)

פאַרבערייי און כעמישע וועשערייי

„BENETA"

ב. יאַסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאַפעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויער-האַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פּאַסאָנירען קאַפּעלושן.

נען די אויפשריפט: גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה אזוי.

וויעלון האט אויך א „לינת זקנים", וואו עס געפינען זיך עטליכע זקנים, מענער, וועלכע שלאָפען נאָר דאָרט, דאגעגען עסען בעקומען זיי נישט.

א גרויסען אָרט פערנעמט אין פי-לאַנטראָפּישען לעבען דער מוסטער-האַפט-איינגעאָרדענטער „לינת-הצדק" מיט א רייהע עלעקטרישע מאַשינען, קוואַרץ-לאַמפען, דיאַטערמעס און אנ-דערע מאָדערנע איינריכטונגען.

אין „לינת הצדק" אַרבייטען צוויי דאָקטוירים און צוויי פעלדשער. מיט דער ארבייט פון „לינת הצדק" פיהרט אָן דער זעהר ענערגישער עסקן ה' יעקל הירשבערג.

די אלע איבענדערמאַנטע דריי אינ-סטיטוציעס געפינען זיך אין איין שעהן הויז, וועלכעס איז אויפגעמויערט גע-וואָרען אויף א קהלה-פּלאַץ. אויפ'ן הויף איז דאָ א פערפלאַנצטער גאָרטען מיט בוימער אדגל.

אויסער די דאָזיגע אינסטיטוציעס זענען נאָך פערהאַנען אנדערע קלע-נערע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטען, וועלכע ווערען זעהר ערנסט טראַקטירט דורך א רייהע כלל-טהוער.

דאס כאראקטעריסטישסטע אָבער איז דאס, וואס די אלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס בעקומען נישט קיין איין גראָשען שטיצע פון דרויסען, נישט פון קיין אמעריקא און נישט פון קיין צענ-טראַלעס דאָ אין פוילען; אַלץ האלט זיך אויס פון אייגענע גראָשענס, פון די קעשענעס פון דער וויעלונער יודי-שער בעפעלקערונג און דאס מוז צו-געשריבען ווערען צו זייער שבח.

די משפחה שאיא

פערהאַנען אין וויעלון פערשידענע יודישע משפחות, די גרעסטע משפחה און דער עיקר די אָנגעזעהענסטע משפחה, וואס פערנעמט אויף אלע געביטען דעם אויבען-אָן—די שאיא'ס.

ווען מען קומט אָן אין וויעלון, וואַרפט זיך אין די אויגען אויף דעם רוב שילדען פון די געוועלבער דער נאַמען ש א י א. אזוי, איז, למשל אויף דער הויפט גאַס „פלאַץ לעגיאָ-נוב". איין געוועלב נאָכ'ן אַנדערען מיט דער אויפשריפט: שאיא, און דו בעקומסט דעם איינדרוק, אז גאנץ וויעלון איז איין שאיא.

און נישט בלויז די אלע, וואס היי-סען שאיא, געהערען צו דער דאָזיגער משפחה, נאָר אויך א סך אנדערע פאַ-מיליעס זענען נאָהנטע קרובים פון דער פאַמיליע שאיא. אזוי, איז, למשל, קושעפּיצקי—א שאיא, בערקאָוויטש—א שאַיאַ, און היידא—א שאיא, פייפער—א שאיא, קורלאַנד—א שאיא, און טאָמער שטעהט שוין אינגאַנצען נישט קיין פאַמיליען אויפשריפט אויף א שילד, גאָר זאָל מען זאגען אַזאַ פּסעוודאָנים, ווי „אוראָדא", איז עס אויך א שאיא. און נישט בלויז מיט מסחר פערנעמען זיך די שאַיאַ'ס, נאָר אויך אין דער שפּיץ פון אלע קולטורעלע, ווירטשאַפ-טליכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטו-ציעס שטעהען די שאַיאַ'ס.

אזוי, למשל, איז דער פרעזעס פון דער קהלה פערוואַלטונג ה' בערקאָ-וויטש פון דער מוטערס צד א שאיא, דער פרעזעס פון קהלה-ראַט איז ה' יעקב שאיא, דער לאַווניק פון מאגיס-טראַט ה' קורלאַנד פון דער מו-טער'ס צד אויך א שאיא, די פרעזעסין פון דער „וויזא"—פרוי היידא פון דער-היים שאיא, דער רעדאַקטאָר פון דער „וויעלונער צייטונג" איז ה' יוסף שאיא, און אָזוי כסדר. מיט איין וואָרט—גאַנץ וויעלון איז פול מיט די שאַיאַ'ס און דו בעקומסט דעם איינדרוק, אז דאס יודישע וויעלון איז אָקופּירט דורך די שאַיאַ'ס.

וויעלונער יודישע פרעסע

אז אין יעדען יודישען פּראָווינץ-שטעדטיל איז היינט דאָ א יודישע צייטונג, איז א בעוואוסטע זאַך. און פאַר וואס נאָר עפּעס איין צייטונג—ווי עס איז דער מנהג ביי יודען דאַרף אַלץ זיין צוויי, ווארום אויב ס'לוינט פאַר ראובנ'ען, לוינט עס פאַר שמעונ'ען, זענען טאַקי אין ק"ק וויעלון אויך פערהאַנען 2 יודישע צייטונגען, וואס קאָנקורירען צווישען זיך און מאַכען אָן א טומעל.

ס'וועט אָבער קלינגען ווי נישט וואַרשיינליך, ווען כ'וועל אייך דער-צעהלען, אז ביידע צייטונגען, וועלכע קעמפען צווישען זיך אויף לעבען און טויט, געהערען צו איין ריכטונג—צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר מיט איינער פיהרט אָן דער „עת לבנות" און מיט דער אנדערער דער „על המשמר".

מיט א פּאָר יאהר צוריק האט וויעלון געהאט נאָר איין צייטונג, אין וועלכער ס'זענען געקומען צום אויס-דרוק די אנשויאונגען פון ביידע ציוניסטישע ריכטונגען, נאָר זינט א 4 יאהר האט זיך יעדע גרופּע געשאַפען אַנ'אייגענע צייטונג, פונקט אזוי ווי יעדע גרופּע האט, למשל, א בעזונדע-רען לאָקאַל אזוי.

דער קאַמף צווישען די דאָזיגע צוויי ריכטונגען איז אין וויעלון זעהר א פערשאַרפטער ממש ביז פקוח נפש. אויף דער קהלה-ארענע, למשל, קומט פאַר א שטאַרקער קאַמף, אזוי אז דער „על המשמר", זייענדיג אין דער מינ-דערהייט, פעראייניגט זיך באַדיי ביי געוויסע פראַגען אין דער אָפּאָזיציע צו דער קהלה-לייטונג מיט דער „אגודה", וועלכע איז שטענדיג דורך די זעלבע על המשמר'ניקעס גע'רודפ'ט געוואָרען. אזוי איז אויך אויף אלע אנדערע געביטען פון יודישען געזעל-שאַפטליכען לעבען אין וויעלון. זאגט איינער פון זיי טאג, מוז דער אנדע-רער זאגען נאַכט, און אזוי אָהן אויפ-הער, פערשטענדליך, אז דער דאָזיגער קאַמף קומט צום אויסדרוק אויף די צייטונגען.

זייענדיג אין וויעלון האָב איך גע-כאַפּט א שמועס מיט די פיהרער פון די צוויי מחנות, וועלכע זענען מיינע אלטע גוטע בעקאַנטע און דוקא זעהר וואוילע גוטע מענשען, נאָר ווען כ'האָב בעריהרט די פראַגע וועגען זייער ארומרייסען זיך, האט זיך א פייערל אָנגעצינדען אין זייערע אויגען און מיט שוים אויף די ליפּען האט איינער דעם אנדערען בעשולדיגט אין נישט אויסגעהאַלטענקייט. ס'פערשטעהט זיך, אז יעדער האלט זיך פאַר'ן צדיק און דעם אנדערען פאַר'ן רשע און יעדער וויל נאָר אויפווייזען, אז דער צווייטער געהט אויף א פאַלשען וועג.

א סך מאָל האט דער דאָזיגער קאַמף אפילו דערגרייכט ביז פערזענ-ליכע אָנפאַלען, וואס האבען געמאכט א פיינליכען איינדרוק אויף די בעסע-רע לעזער.

איצט איז דער פערזענליכער קאַמף אביסעל אָבגעשוואַכט געוואָרען, דער-פאַר האלט אָן דער פּאַרטיי-קאַמף ווייטער.

און צוריק געשמועסט, אפשר איז דער קאַמף, וועלכער קומט פאַר לשם שמים אַ געוואונשענער, ווארום וואס וואָלטען, למשל, די וויעלונער געזעל-שאַפטליכע טהוער געטהון, ווען זיי וואָלטען נישט געהאַט, כאָטש דאס בי-סעלע קאַמף; אזוי איז כאָטש אביסעל לעבעדיגער; ס'איז אַ „רוך וו'אינטע-רעשע..."

נישט קוקענדיג אָבער דערויף, מוז מען אנערקענען, אַז אין וויעלון זענען פערהאַן אויסגעפּרובטע, עהרליכע כלל-טהוער, וועלכע אַרבייטען באמת ובאמונה פאַר זייערע פּאַרטיי-אידעאַלען און זע-נען אויפריכטיגע געזעלשאַפטליכע טהו-ער.

לויתן

דער דורכפאָהר פון פוילישען מלוכה-פרעזידענט און אונגאַרישען רעגענט דורך טשענסטאָכאָוו

זונטאג, אַרום 12 א זייגער מיטאג איז אויפ׳ן וועג פון קראקע נאך ווארשא אדורכגעפאָהרען דער ספעציעלער צוג, וועלכער האט געפיהרט דעם מלוכה-פרעזידענט פראָפ. איגנאַצי מאָשטשיצקי, נאכ׳ן שבת׳דיגען קבלת-פנים לכבוד דעם אָנקום נאך קראקא פון אונגאַרישען רעגענט האָרטי.

אויפ׳ן פעראָן האבען זיך פערזאַמעלט דעלעגאציעס פון געוועזענע מלחמה-קעמפער מיט זייערע פאָהנען, דעלעגאַציעס פון די שולען און פאַרשטעהער פון דער ציווילער און מיליטערישער מאַכט, אין דער שפּיץ מיט׳ן סטאַראָסטע ראָזמאַרינאָווסקי, פרעזידענט שטשאָדראָווסקי, גען. גאָנשאָראָווסקי א. א. דער פעראָן איז געוועזען דעקאָרירט מיט די פוילישע און אונגאַרישע מלוכה-פאָהנען און בלומען.

ווי נאָר דער צוג איז אנגעקומען אויפ׳ן היגען פעראָן, האט דער מיליטערישער אָרקעסטער געשפּילט דעם מלוכה-הימן און דער פערזאַמעלטער עולם האט געמאכט אָוואַציעס לכבוד דעם מלוכה פרעזידענט, וועלכער איז געשטאנען ביים אָפענעם פענסטער פון סאַלאָן-וואַגאָן. מיט׳ן זעלבען צוג זענען אויך געפאהרען עטליכע מיניסטאָרען, גענעראַלען און אנדערע הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען.

דער צוג איז אויף דער היגער סטאַציע געשטאנען 6 מינוט און אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, האט דער צוג געריהרט ביי אונהויפהערליכע אויסגעשרייען: „זאָל לעבען“.

א פערטיל שעה שפּעטער איז ווידער אָנגעקומען פון קראקע דער צווייטער לוקסוס-צוג, וועלכער האט געפיהרט אויך קיין ווארשא דעם אונגאַרישען רעגענט אַדמיראַל האָרטי. ווידער האט דער אָרקעסטער געשפּילט דעם אונגאַרישען מלוכה-הימן און ווידער האט דער עולם אויסגעשריגען אויף פויליש און אונגאַריש: „זאָל לעבען“.

רעגענט האָרטי איז געשטאנען אויך ביים אָפענעם פענסטער און אויף די אָוואַציעס אָבגעענטפערט דורך נויגען זיך. מיט׳ן זעלבען צוג זענען אויך געפאָהרען עטליכע אונגאַרישע מיניסטאָרען מיט׳ן דארטיגען אויסערן-מיניסטער, ווי אויך א גרעסערע סוויטע פון העכערע פוילישע מיליטער-לייט.

דער דאָזיגער צוג איז געשטאנען אויפ׳ן פעראָן 6 מינוט און פערלאָזט טשענסטאָכאָוו אונטער רוישיגע אויסגעשרייען.

צי ווייסטו, אַז דאָנערשטאָג, דעם

17 LUTY

הויבט זיך אָן די ציהונג פון דער 1 קלאַס?

פערזעהט זיך דעריבער שוין מיט אַ לאָס

אין דער גוט-בעקאַנטער, גליקליכער קאָלעקטור

J. WEKSLER

I ALEJA 6

דער נייער פּלאַן פון דער 41-טער לאָטעריע איז גינסטיגער, ווייל די צאָהל לאָסען זענען פערקלענערט מיט 35.000 און די געווינסטען זענען ווי געווען.

וויכטיג פאַר אלע, וועלכע פאהרען נאָך ארץ-ישראל

אין תל אביב אויף דער קינג גורג. 14 האט אונזער א לאַנדסמאַן ה׳ חיים זשירובסקי א שיפס-געזעלשאַפט א. ד. פּ. „אריון ללויד“, וועלכער האט צו פערקויפען שיפס קאַרטען, באַהן-בילעטען און אעראָפּלאַן-בילעטען אין דער גאנצער וועלט און מיט אלע ליניעס ווי אויך ערלעדיגט צום וואונש און צופרידענהייט פון דער קליענטעלע אלערליי וויזעס, פּעסער, באַגאַזש און עקספּעדיציע א. א. אנגעלעגענהייטען ווי אויך ערטיילט אומזאָנסט אינפאָרמאַציעס וועגען איינוואַנדערונג און אויסוואנדערונג. דעריבער געדענקט אלע און קויפט נור קאַרטען ביי אונזער טשענסטאכאווער לאַנדסמאָן. ארדענט אויך איין גרופּען אויספלוגען אין פערשידענע ריכטונגען ווי אויך צום פערקויף פערשידענע מגרשים און הייזער.

די בודזשעט-סעסיע פון שטאָדט-ראַט

אין די נאָהנטסטע טעג וועלען שוין פערענדיגט ווערען די בודזשעט-אַרבייטען פון דער שטאָדט-פערוואלטונג, דאָן וועט דער בודזשעט-פרעלימינאַר אויפ׳ן יאהר 1938–39 איבערגעשיקט ווערען דער פינאַנץ-בודזשעט-קאָמיסיע און צום סוף ערשט וועט ער ארויסגעלייגט ווערען צו דער עפענטליכקייט.

די בודזשעט-סעסיע וועט זיך אָנהויבען סוף לוטי.

אַכטונג, סטראַגאָן-בעזיצער!

די שטאדט-פערוואלטונג האט בעשלאָסען היי-יאָהר צו נעמען אנ׳אָבצאָהל פון די שילדלעך מיט די נעמען און אַדרעסען פון די סטראַגאָן בעזיצער אויפ׳ן מאַרק. דער פאָרמאַט פון שילדעל איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אויף 14x25 צענט. דער אָבצאָהל בעטרעפט 1 זל. א יאהר פון א שילדעל.

צי וועט פערלענגערט ווערען דער שטאָדטישער אָבמאַך מיט דער עלעקטראָווניע

דער אָבמאָך פון דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו מיט דער עלעקטראָווניע וועגען בעלויכטען די גאָסען, פלעצער און שטאָדטישע בנינים ענדיגט זיך ערשט אין יאַנואַר 1943 יאהר. דאך ווערען שוין דורך די פעראינטערעסירטע צדדים געפיהרט אונטערהאַנדלונגען וועגען פערלענגערן די בעציהונגען אויף דער צוקונפט.

די שטאדט - פערוואלטונג פערלאנגט פון דער עלעקטראָווניע א הנחה פון פרייז פון דער בעלייכטונג. די עלעקטראָווניע איז גרייט צו פערבילּיגערן דעם פרייז פון שטראָם אונטער׳ן בעדינג צו פערלענגערן דעם אָבמאַך און גאַראַנטיע, אז דער מאגיסטראט וועט נישט בענוצען קיין גאָז צום בעלייכטען די גאָסען.

כדאי צו בעטאָנען, אז אין טשענסטאָכאָוו זענען פערהאן אנ׳ערך 1000 גאָסען-לעמפ. בסך-הכל צאָהלט די שטאדט דער עלעקטראָווניע אנ׳ערך 150 טויזענד זלאָטעס יעהרליך.

בעקאַנטמאַכונג פון ראַבינאַט.

היות ווי אויף א פערזאמלונג וועגען עניני כשרות, וואס איז פארגעקומען דעם פערגאנגענעם זונטאג האט איינער פון די פערזאמעלטע געוואָרפען א בעשולדיגונג אויף די ברידער ווייכמאן, דאס אין זייער יאַטקע (אָלטער מאַרק 14) ווערט געזיגעלט פלייש מיט א נאָכגעמאכטען זיגעל פון ועד הקהלה, ערקלערט דער ראבינאט, אז נאך א גרינדליכער אויספאָרשונג האט די בעשולדיגונג זיך ארויסגעוויזען פאר לחלוטין פאַלש און בעמערקט, אז אזעלכע אונפאָרויכטיגע בעשולדיגונגען קענען נאר שאדען, דאס כשרות-וועזען אין אונזער שטאָדט.

ב״ד״צ דפה.

טששענסטאכאא ט׳ לירח אדר א׳ תרצ״ח.

מודעה מאת הביד״צ דפה

בכדי צו געבען דער היגער יודישער בעפעלקערונג די מעגליכקייט צו עסען כשר׳ן ווארשט, האט דער ראַבינאַט בעשטימט א ספעציעלען נאמן, וואס זאל אַכטונג געבען אויף די ווארשט פאַבריקען, אז אלץ זאָל זיין בכשרות. צוליב דעם וועט צו יעדען פעקיל ווארשט, וואס ווערט פערקויפט פריוואַט פרזאָנען, בייגעלעגט ווערען א צעטעל מיט׳ן אויפשריפט „כשר בהשגחת הביד״צ דפה“, ווי אויך אין דער פוילישער שפּראַך „pod nadzorem Rabinatu Częstochowskiego“ דעריבער ווערט אויפמערקזאם געמאַכט די היגע יודען צו לייגען אכט ביים קויפען ווארשט, צי עס האט אזא קוויטעל. אהן אזא צייכען קען דער ווארשט נישט גענוצט ווערען אויף כשר.

ב״ד״צ דפה

די צווייטע וואָך וועט בעקאנט געמאכט ווערען, וועלכע ווארשט-פאַבריקאנטען שטעהען אונטער השגחת הבי״ד.

מעגליכקייט, אַז טשענסטאָכאָוו וועט בלייבען אין דער קעלצער וואָיעוואודזטווע

אין די נאָהנטסטע טעג וועט דעפּוטאַט קאָבילעצקי אבגעבען א בעריכט די מיטגלידער פון דער שטאדט-פערוואלטונג און דער ספעציעלער ראַטמענער-קאָמיסיע פונ׳ם רעזולטאט פון די בעמיהונגען, וואס זענען אונטערגענומען געוואָרען וועגען צוטיילען טשענסטאכאוו און דעם טשענסטאכאווער פּאָוויאַט צו דער לאָדזער וואָיעוואודשאפט.

לויט פערשידענע קלאַנגען, איז די לעצטע טעג אין דעם דאזיגען ענין אריינגעטרעטען א געוויסע ענדערונג. היות דאס צוטיילען טשענסטאכאוו צו דער לאָדזער וואָיעוואודשאפט ליגט נישט אין אינטערעס פון די טשענסטאָכאָווער ווירטשאפטליכע קרייזען און די אויסזיכטען אויפ׳ן צוטיילען צו דער שלעזישער וואָיעוואודזטווע זענען קנאַפּע — איז מעגליך די עווענטואַליטעט, אז טשענסטאכאוו וועט בלייבען, ווי ביז-איצט אין דער קעלצער וואָיעוואודזטווע.

העכער 30 טויזענד אַרבייטער זענען בעשעפטיגט אין דער היגער אינדוסטריע

אין פוריגען יאָהר זענען אין דער טשענסטאָכאָווער אינדוסטריע געווען בעשעפטיגט 31.500 אַרבייטער. אין פערגלייך מיט׳ן פריהערדיגען יאהר האט זיך די אַרבייטסלאָזיגקייט פערקלענערט מיט 10 פּראָצענט, אבער די צאָהל בעשעפטיגטע איז בעדייטענד קלענער פון דער צאָהל אַרבייטער אין די „גוטע יאהרען“, ווען אלע אינדוסטריע אונטערנעהמונגען זענען געווען אין פולען גאַנג.

די גרעסטע צאָהל אַרבייטער אין יאָהר 1937 איז געווען בעשעפטיגט אין דער טעקסטיל - אינדוסטריע (12.000); אויפ׳ן צווייטען אָרט האבען זיך געפונען קאָפּאַלניעס (6.000) און אויפ׳ן דריטען אָרט — די מעטאַלורגישע אינדוסטריע (5,000).

878,42 זל. פון דער זונטאַג׳דיגער גאָסען-זאַמלונג פאַר אַרבייטסלאָזע

די זונטאג׳דיגע גאָסען-זאַמלונג, איינגעאָרדענט דורך דער זאַמלונגס סעקציע פון ווינטער-הילף-קאָמיטעט פאר אַרבייטסלאָזע האט געבראַכט הכנסה 878.42 זלאָטעס.

דער דאזיגער רעזולטאט איז א גוטער, ווען מען זאָל נעמען אין אַכט, אָז אויסער דער קאָלאָסאָלער זאַמלונג מיט׳ן אַנטייל פון היגע פערזענליכקייטען, האבען די אַנדערע זאַמלונגען געבראַכט: איינע — 600 זל., די צווייטע — 700 זל.

כדאי צי דערמאנען, אז אין דריי פושקעס, וואס זענען איבערגעגעבען געוואָרען צו זאַמלען דורך די בעאַמטע פון די „פעלצער“, האט זיך אין יעדער פון זיי געפונען א 50-זלאָטי-באַנקנאָט, אויסער דעם געזאמעלטען קליין-געלד.

קאָמוניקאַט פון דעטאַליסטען און קליינהענדלער-פערבאַנד

די פערוואַלטונג פון קליינהענדלער-פערבאנד מאַכט בעקאנט, דאס ביז׳ן 15 ד.ה. איז צאָהלבאר די 4-טע ראָטע פון ריטשאלטירטען אומזאַץ - שטייער (פּאַדאטעק אָבראָטאָווי) פאר׳ן יאהר 1937 און אויך די 4 טע ראטע זאַליטשקע אָבראטאָווע, וואס איז אויסגעמאָסטען אויף אלגעמיינע יסודות.

מיר מאכען אויפמערקזאם, אז נאך דעם טערמין ד.ה. נאכ׳ן 15-טען וועלען ווערען צוגערעכנט פּראָצענטער און עס קאן אויך געמאכט ווערען עקזעקוציעס, ווייל עס דינט נישט דער אזוי-גערופענער 14-טאגיגער פערקלוזיגע טערמין.

אין שייכות מיט די צוגעשיקטע זעזאַניעס דורך די שטייער אַמטען צו די דאזיגע צאָהלער, וועלכע צאהלען נישט קיין רימשאַלט אויסצופילען דעם געמאכטען אין יאהר 1937 אומזאַץ (אָבראָט).

די פערוואלטונג דאגעגען, אבשאַצענדיג די וויכטיגקייט פונ׳ם ענין פאָדערט אויף אלע איהרע מיטגלידער, וועלכע האבען ערהאלטען די פאָרמולארען, באלד פערשטענדיגען זיך מיט׳ן סעקרעטאריאט, בכדי זיך גענוי צו אינפאָרמירען, ווי די זעזנאַניע דאַרף ווערען אויסגעפולט און צו וואס פארא פּראָצענט סטאָווקע זיין אומזאַץ אונטערליגט.

פאר אליין אויסגעפולטע זעזנאַניעס טראגט אונזער אבטיילונג קיין שום פעראַנטוואָרטליכקייט. אויך בעמערקען מיר, דאס פאר נישט געהעריג אדער ריכטיג אויספולען די זעזנאַניע דראָהט א שטראָף ביז 500 זל. און אויך אַרעסט ביז 6 חדשים. דעריבער ליגט א חוב אויף יעדען מיטגליד גענוי און געוויסענהאפט אויסצופילען זיין ערהאלטענעם פאָרמולאר. גענויע פרטים און געהעריגע אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער דירעקטאָר פון אונזער אבטיילונג יעדען טאָג אין די אַמטירונגס-שעה׳ן.

אַנ׳אויטאָ - סיגנאַל איז גורם אַנ׳אומגליק

דער 14-יעהריגער סטאניסלאוו גוואוזשדזש פון וואָיקאָוויץ האט אָנגעפיהרט מיט א פאר פערד, געשפּאַנט ביי א דאָרפישער פוהר. פלוצים איז אנ׳אויטאָ פערבייגעפאהרען און די פערד האבען זיך דערשראָקען פאר׳ן געגעבענעם סיגנאַל און צוטרעטען די ראָווערריסטין וויעסלאווא פיצענעס. דער ראָווער איז פולשטענדיג צושעדיגט געוואָרען און פיצענעס איז אויך נישט-וויכטיגער צוקלאָפּט.

אַ הונד אויסגעגראָבען דעם טויטען קערפּער פון אַ קינד

אין דאָרף האָרון, גמינע פּאָריי, אויפ׳ן פעלד פון לודוויק אָרמיאַן איז געפונען געוואָרען דער טויטער קערפּער פון א ניי-געבוירען יונגעל, אָהן לינקען פיס.

דעם דאזיגען קערפּערל האט אויסגעגראָבען א הונד און פערשלעפּט צום הויז פון ה׳ אָרמיאַן. דאס לינקע פיסעל האט אָבגעביסען דער הונד.

יאָסעלע קאָלאַדני אין טשענסטאָכאָוו.

מאנטאג, דעם 14-טען ד.ה. וועט אין פייערלעשער-זאַל געבען נאָר איין איינציגען גאַסט-אויפטריט דער בעריהמטער און בעליבטער קינסטלער יאָסעל קאָלאָדני אין א גאַנץ נייעם פּראָגראַם א. נ. „פון שענסטען און בעסטען“.

כאטש אלע ווייסען, אז זיינע אויפטריטען פערשאפען א אמת׳דיגען נחת רוח וועלען מיר דאך דא איבערגעבען איינע פון די אונצעהליגע ווארעמע פּרעסע-שטימען. אָט וואס עס שרייבט דער בעוואוסטער קריטיקער גראָפמאַן אין ווארשאווער „מאָמענט“:

„שוין עטליכע חדשים ווי עס נעמט איין א וועלט — יאָסעלע קאָלאָדני, א לידער-זינגער, וואס עולם לויפט און איז פון איהם ענטציקט.

וואס איז די סענסאַציע?

יודען האבען ליב נישט סתם געזאַנג, נאר וואס מען זינגט, יאָסעלע קאָלאָדני האט א געוואלדיגען אויסוואַהל פון פערשידענע זשאַנר-לידער, קופּלעטען, הומאריסטישע סצענקעס, מיט יעדען לידעל טרעפט ער אריין גלייך אין פּינטעל און דער עולם, וואס וויל פאר די פּאָר גראשען זיך ווייליגן — ווייליגט זיך באמת אויסגעצייכענט.

שוין א צוויי צעהנדליג קאָנצערטען האט ער געהאט בלויז אין ליטעראטען-פעראיין און בעת יעדען קאנצערט איז דער זאַל איבערפולט. די אויספיהרונג פון די לידער איז תמיד פון א פעהיגען אַרטיסט, אזא אייגענארטיגער זינגער, ווי עס איז קאלאדני, מוז האבען גרויס ערפאלג, בפרט, ווען ער זוכט אויך אַקטועלקייט און דאס זיכערט שטענדיג הייסע אַפּלאָדיסמענטען.

נישט איינמאל זעהען מיר פאר זיך א מין „ווערטינסקי“ א ספּעציפיש יודישען, אבער אויך מיט דער זיסער סענטימענטאַליטעט, וואס בעגייסטערט איבערהויפּט יונגע פערליבטע פּרויען.

אנ׳אנדערש מאל זעהט מען איהם אלס א רעווי-אַקטיאָר, וועלכער שפּילט אב א סצענע מיט פּיעל רוטין און טאנצט אויס א נומער מיט טעמפּעראַמענט.

אנ׳אלזייטיגע טעאטראלע פיגור, וועלכע איז אויפ׳ן יודישען טעאטער-האָריזאָנט א ערשיינונג.

נישט אומזיסט איז קאלאדני אין ווארשע — א ליבלינג“.

דעריבער איז קיין וואונדער נישט דער קאלאסאלער ערפאלג פון זיינע קאָנצערטען און עס איז אויך ראַטזאַם זיך וואס פריהער צו פערזעהען מיט בילעטען וואס זענען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באַטשאַן און אין טאג פון קאנצערט פון 7 אווענט ביי דער קאַסע.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים“

ה׳ לייב לעדערמאן און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער 20 קילאָ ברויט.

ה׳ גרשון פרעגער און פרוי צום געבורט פון זייער ערשט איינִיקעל 50 קילאָ ברויט.

ה׳ מיכאל סולקאָווסקי און פרוי צום געבורט פון זייער ערשט אייניקעל 10 קילאָ ברויט. פאר׳ן שפּיטאָל 2 זל. און פאר׳ן „בית-לחם“ 2 זל.

ה׳ משה לייב בערמאן צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענער מוטער 5 קילאָ ברויט.

ה׳ קאַזאַק 4 קילאָ ברויט.

פאַר׳ן שפּיטאָל

פון א סכסוך צווישען די ה״ה: הענריק פאַראַסאָל מיט איזידאָר העלמאן האבען די בוררים ה״ה: יעקב וויינשטאָק און פנחס לאנדאו אריינגעטראגען 10 זל.

די שילערינס פון דער זעקסטער קלאַס פאָוושעכנע שולע נומער 12 צום בעעהרען דעם אנדענקען פון דער פערשטאָרבענער פרוי גנענדיל די מוטער פון אונזער לעהרערין פרוי אָוונער 5.40 זל.

ה׳ יהודה לובלינסקי 2 זל.

פונ׳ם יודאַיסטישען צענטער

מאָרגען, שבת פונקטליך 3 א זייגער נאָכמ. קומט פאַר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון פּראָפ. ד. יאַנאָווסקי, וועלכער וועט רעפערירען א. ד. ט.: „דאָס חסידות“ (המשך פון רעפעראט).

יוסף זאב אנקלעוויטש
פייגושא שאיא

וויעלון — פערלאבט — אין פעברואר 1938.

אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער **פייגושא** צו איהר פערלאבונג מיט ה׳ **יוסף אנקלעוויטש** א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשען **עלטערן און געשוויסטער שאיא**

אונזער ליעבען זוהן און ברודער **יוסף זאב** צו זיין תנאים מיט פרל. **פייגושא שאיא** די ווארימסטע ברכות. זאלען מיר ביי זיי פיעל נחת דערלעבען **עלטערן און געשוויסטער אנקלעוויטש**

אונזער ברודער און פעטער צו די תנאים פון זייערע קינדער ה׳ **יוסף אנקלעוויטש** מיט פרל. **פייגושא שאיא** די ווארימסטע ברכות ווינשען **קארלא און יעקב שאיא**

מזל-טוב און פיעל גליק אונזער ברודער בער שאיא און פעטער יעקב אנקלעוויטש צו דער פערלאבונג פון זייערע קינדער ה׳ **יוסף** מיט פרל. **פייגושא** ווינשען **אלחנן היידע און פרוי**

צו דער פערלאבונג פון אונזער קוזין און קוזינקע **יוסף אנקלעוויטש** מיט פרל. **פייגושא שאיא** ווינשען מיר פיעל גליק, די עלטערן נחת און פרייד **ישעיה בערקאוויטש און פרוי, שמואל שאיא און פרוי**

מזל-טוב צו די תנאים פון ה׳ **יוסף אנקלעוויטש** מיט פרל **פייגע שאיא** זאלען די עלטערן פון זיי פיעל נחת האבען **צבי וואלמאן און פרוי, פייוויש סקושיניא און פרוי**

די פאמיליעס שאיא און אנקלעוויטש צו דער פערלאבונג פון ה׳ **יוסף אנקלעוויטש** מיט פרל. **פייגושא שאיא** פיעל גליק ווינשען **בער קושעפיצקי און פרוי, לייביש קושעפיצקי און פרוי**

צו דער פערלאבונג פון ה׳ **יוסף אנקלעוויטש** מיט פרל. **פייגושא שאיא** פיעל גליק און צופרידענהייט די פערלאבטע און די עלטערן פיעל נחת. **אליעזר בערקאוויטש און פרוי**

א הערצליכען מזל-טוב אונזערע ג׳ פערוואלטונגס-מיטגלידער ה׳ יוסף פייטלאוויטש און ה׳ יאנקעל אנקלעוויטש צו דער פערלאבונג פון זייערע זוהן ה׳ **אלעק פייטלאוויטש** מיט פרל. **רעניא בערקאוויטש** (פאביאניץ) און ה׳ **יוסף אנקלעוויטש** מיט פרל. **פייגע שאיא** (וויעלון) ווינשט **די פערוואלטונג פון בוי-צעך אין וויעלון**

צו דער פערלאבונג פון **פייגושא שאיא** און **יוסף אנקלעוויטש** ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט **יוסף ורעניא שאיא, צבי שאיא און פרוי.**

פעסה וגדל ברכות לבביות להולדת להם **הבת בכורה** תתגכיה כיעל ודבורה כיהודית ושרה
מילה, משולם, אליעזר וגרשון סקוברונק.

תמר און **וואווע** מיר ווינשען גליק צום געבורט פון אייער **זוהנעלע**
אהרן זעלקאוויטש און פרוי
יעקב ארי׳ מארעק.

לידידנו וקרובנו **זאב קושעפיצקי ורעיתו** להולדת להם **בן** ברכת מזל-טוב
יוסף ורניה שאיא

תמר און **וואלף קושעפיצקי** צום געבורט פון אייער **זוהנדעל** ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
יודל רינג און פרוי, אליה קארן און פרוי,
אהרן זעקאוויטש און פרוי

תמר און **וואלף** נעמט צו אונזערע ברכות צום געבורט פון אייער **זוהנדעלע**
חיים דאווידאוויטש, יעקב און גבריאל קאניארסקי, דוב כלאפאק, הירשל כארלופסקי
אנשטאט בלומען 5 זל. אויף תל-חי.

לידידנו **זאב קושעפיצקי ורעיתו** לרגלי הולדת להם **בן** ברכת מזל-טוב
יעקב שאיא ורעיתו, שסואל שאיא ורעיתו,
אשר מנדלביץ ורעיתו

גם אני בין המברכים.
משה הערשבערג

פערענדיגט דער זקנים-שטרייק אין דער „טשענסטאכאוויאנקע"

דער איינגעארטיגער אקופאציע-שטרייק, וואס איז איינגעארדענט געווארען דורך די אריבערגעהענדע אויף עמעריטור 65 יעהריגע און עלטערע ארבייטס וועטעראנען אין דער פאבריק „טשענסטאכאוויאנקע", איז שוין פערענדיגט געווארען.

דער שטרייק איז פערענדיגט געווארען מיט א געגענזייטיגען קאמפראמיס. די זקנים האבען געמוזט מסכים זיין צו דער פארגעשלאגענער עמעריטור, בעקומענדיג דערפאר די מאראלישע פערזיכערונג מצד דער פאבריקס דירעקציע, אז זייערע פאמיליען מיטגלידער, ד. ה. זיהן און טעכטער, וועלען בעפארצוגט ווערען ביים אנגענומען ווערען אין דער פאבריק.

פון ארבייטער-ספארט-קלוב „הפועל"

דער ארבייטער ספארט קלוב „הפועל" איז די לעצטע צייט צוגעטרעטען צו אנ׳אינטענסיווער טעטיגקייט אויף אלע געביטען פון ספארט.

די באקסער-סעקציע פיהרט רעגולער די טרעניגנגען און גרייט זיך צו צום ערשטען עפענטליכען ארויסטריט שוין אין די נאהנטסטע טעג.

— די דאמען סעקציע פיהרט רעגולערע גימנאסטישע לעקציעס און צוגרייטונגען צו די זומער שפילען.

— אויף דער לייען-זאל איז אפען יעדען טאג און איז פערזעהן מיט דער טעגליכער יודישער פרעסע און ספארט-פרעסע.

א שטאדטישער ארעסט אין טשענסטאכאו

צוליב דעם, וואס די תפיסה אין זאוואדזיע איז אלץ כסדר איבערפולט, טרעפט אן דאס אויספיהרען די אורטיילען פון אדמיניסטראטיווע שטראפען אויף אונגעהויערע שוועריגקייטען. אין דעם פאל מיינט מען די פעראורטיילטע דורכ׳ן סטאראסטווא-געריכט, אדער פאר אנדערע עהנליכע קלענערע ארויסטרעטונגען דורך דער שטאדט פערוואלטונג.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט דורכ׳ן מאגיסטראט געפלאנט דאס בויען אדער איינארדנען א ספעציעלען ארעסט פאר אדמיניסטראטיווע שטראפען, וואס זאל נישט זיין קיין צווייטע תפיסה, נאר נור צוואנגס איזאלאציע-לאקאל אויף 20–25 פערזאן.

ס׳איז נישט אויסגעשלאסען, אז דער דאזיגער ארעסט וועט איינגעארדענט ווערען אין די ליידיגע פאבריקס בנינים אויף אלשטינסקא רוג מיראווסקא, אדער אינ׳ם בנין נאך דער פאבריק פון טאפעטען פון מארקוספעלד׳ן אויף אגראדאווא גאס.

א שרפה אויף דאמבראווסקי גאס

נעכטען ארום האלב 12 א זייגער אין דער פריה זענען די פייערלעשער ארויסגערופען געווארען צו א שרפה אויף דאמבראווסקי 15. די שרפה איז אויסגעבראכען אין דער וואוינונג פון מאריא זאוואדזקא.

די שרפה איז ענטשטאנען פון אנ׳אייזערן אויוועלע, וואס שטעהט נאהנט פון בעט. פלוצים האט זיך אנגעצינדען דער שעניק און די פלאמען האבען ארומגענומען די גאנצע וואוינונג. די פייערלעשער-פאגאטאוויע האט די שרפה שנעל ליקווידירט.

ליקווידאציע פון די אולען-חובות

דער נאטשעלניק פון דער שטאדטישער פינאנץ אבטיילונג ה׳ נאוואקאווסקי איז אבגעפאהרען קיין ווארשא, כדי זיך צו בעטייליגען אין די בעראטונגען פון די אולען-שטעדט וועגען דער הויך פון די ראטעס, וועלכע די דאזיגע שטעדט דארפען בעצאהלען אויף די הלואות וואס זענען גענומען געווארען אויפ׳ן קאנאליזאציע-בוי.

די בעראטונגען וועלען פארקומען ביים אנטייל פון פארשטעהער פון באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא, פינאנץ-מיניסטעריום און אינערן-מיניסטעריום. די טשענסטאכאווער חובות בעטרעפען נאך 25 מיליאן זלאטעס. די מאטעריעלע אינטערעסען פון דער דאמאלס מעכטיגער אולען געזעלשאפט זענען נישט קיין געהויבענע ביים היינטיגען טאג און דעריבער ווערען טאקי די חובות געמאהנט מיט מעהר ענערגיע. די גאראנטיע פאר דער הלואה איז די באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא.

18-טער יאהרצייט פון די געפאלענע אין תל-חי — טרומפעלדאר און חברים

דער צענטראל-קאמיטעט פון דער ליגע פאר׳ן ארבייטענדען ארץ ישראל פיהרט יעצט אדורך איבער׳ן גאנצען לאנד תל חי-אקאדעמיעס און פערזאמלונגען צום 18 טען יאהרצייט פון די געפאלענע אין תל-חי—טרומפעלדאר און חברים.

דעם 12 טען ד. ח.—י״א אדר, ווען עס פאלט אויס די 18-טע יאהרצייט פון תל חי און אויך אין משך פון גאנצען חודש פעברואר, וועלען פארקומען אקאדעמיעס און פערזאמלונגען אין הונדערטער פונקטען איינגעארדענט דורך די ליגעס פאר׳ן ארבייטענדען ארץ ישראל.

במשך פון חודש פעברואר וועט ווערען דורכגעפיה־ט די טראדיציאנעלע אקציע פון י״א אדר פאר׳ן פאל. ארב. פאנד (קפא״י).

די יודישע בעפעלקערונג וועט זיכער ווארים אויפנעמען די זאמלער און זיכערן דעם ערפאלג פון דער אקציע.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי"

דער „מכבי" וועלענדיג בעקענען די היגע יודישע געזעלשאפט מיט איהר טעטיגקייט ווי אויך פאפולאריזירען דעם ספארט געדאנק צווישען די ברייטע שיכטען פון דער היגער יודישער געזעלשאפט רופט צונויף אויף זונטאג, דעם 13 ד. ח. 8.30 אוועגד אין לאקאל פון דער יודישער קהלה א גרעסערע פערזאמלונג פון אלע ארטיגע עסקנים און געזעלשאפטליכע טהוער.

עס איז צו האפען, אז אלע איינגעלאדענע וועלען פערשטעהן די נויטווענדיגקייט פון דער אקציע און צאהלרייך די פערזאמלונג בעזוכען.

א מיספערשטענדניש דערפיהרט אין געריכט

אין מערק פ. י. האט דער 20-יעהריגער יוזעף מאלאשעוויטש אין דער געזעלשאפט פון זיין חבר אדווכגעקוקט דורך אנ׳עפנונג אין פלויט אין א געוויסען גארטען אין קאמיק און אבסערווירט צוויי דארטיגע יודישע סוחרים, מיינענדיג, אז זיי האבען דארט אראבגעטריבען בהמות און ווילען זיי שחט׳ן אונלעגאל. עס זענען אבער אנגעקומען די ברידער פרידעריק און יאן כשעמיענגא און ווארפענדיג א חשד, אז די יונגעלייט האבען בייזע כונות, האט יאן טשעמיענגא מיט קראפט א קלאפ געגעבען מאלאשעוויטש׳ן אין קאפ אריין און פרידעריק האט איהם פערוואונדעט מיט א מעסער אין זייט.

דאס קרייז געריכט האט פרידעריק טשעמיענגא׳ן פערמשפט אויף 1 יאהר תפיסה און יאן — אויף 6 חדשים, אבלעגענדיג דעם לעצטען דאס אויספיהרען די שטראף אויף 3 יאהר.

WORLD-RADIO
Świat w domu...

Zamieniamy stary odbiornik radiowy na nowoczesną luksusową superheterodynę krajową lub zagraniczną. Dopłatę rozkładamy na dogodne raty. Szczegółowych informacyj udziela:

Biuro Sprzedaży
WORLD - RADIO
N. M. Panny 24, w podwórzu.
tel. 25-75.

לעזט אויפמערקזאם!!!
די גוט = בעקאנטע קויהלען = פירמע
פון **י. וויינבלום, יאסנאגורסקא 21**
מאכט בעקאנט, אז זי האט געעפענט
א קויהלען = סקלאד
אויף אלעע וואלנאשטשי 41
וואו ס׳ווערט פערקויפט אין הורט און דעטייל קויהלען פון דער בעסטער גרובע „JULJUSZ KAZIMIERZ" ווי אויך האלץ-קויהלען און קאקס. אהיים ווערט געשיקט קויהלען פון איין קערץ אן. בעשטעלונגען ווערען אויך אנגענומען דורכ׳ן טעלעפאן נר. 13-36, ווי אויך דורכ׳ן פריוואט - טעלעפאן נר. 17-01.
פרייזען — מעסיגע.

אויף ווינטער - הילף

פון דער רעדוטע פון זשורנאליסטען-סינדיקאט און דעם ארטיסטען אנסאמבל פון קאמעראל-טעאטער, וואס איז פארגעקומען דעם 1 ד. ח. אין „פאלאניא" איז איינגעצאהלט געווארען לטובת דעם ווינטער-הילף-קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע אין טשענסטאכאו די סומע פון 242.55 זל.

זיך געשאסען אין דער ברוסט

נעהערנעכטען נאכמיטאג זענען די דורכגעהער אויף ווארשאווער גאס אלארמירט געווארען פון א שאס, וואס האט זיך דערטראגען פון גאהנטען פעלד. ווען די נייגיריגע זענען אנגעקומען אויפ׳ן ארט, פון וואנען דער שאס האט זיך דערטראגען, האבען זיי געפונען אין א קאלוזשע בלוט א יונגענמאן מיט א וואונד אין דער ברוסט. ס׳האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז דער 18 יעהריגער כשעסלאוו באטארעק פון ווארשאווער 141, וועלכער האט זיך פערוואונדעט מון א פיסטאלעט.

דער פערוואונדעטער איז איבערגעפיהרט געווארען אין דער אובעזפיעטשאלניע. זיין געזונד-צושטאנד איז אנ׳ערנסטער.

די אונטערגענומענע פאליציייאישע אויספארשונג וועט מסתמא פעסטשטעלען די סיבה פון באטארעק׳ס פערצווייפעלטען שריט.

צו די תנאים פון פרל.
האלא לעדערמאן
מיט ה׳ **איגנאצי טאפלאוויטש**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט, די עלטערן — פיעל נחת
ווינשען
עמנואל פרייערמויער און פרוי

Proszek od **BÓLU GŁOWY**
KOWALSKI
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

30.000 קריסטליכע האנדווערקער אויפ׳ן קאנגרעס אין טשענסטאכאו

קיין טשענסטאכאו ווערט אויף אנהויב אפריל ה. י. צונויפגערופען א קאנגרעס פון קריסטליכע האנדווערקער פון גאנץ פוילען. אינ׳ם קאנגרעס ווערט פארגעזעהען די צאהל בעטייליגטע אויף 30,000.

Kino „LUNA"

די אקציע קומט פאר אין „ליידענשאפטס - קווארטאל" פון טאקיא — לויט דעקאברי׳ס פאסצינירענדער ערצעהלונג

YOSHIWARA

די הויפט - ראלען:
סעזי האיאקאווא
פיער = רישארד ווילים

KINO „EDEN".

דער גרעסטער ראמאנטישער פילם!
Więzień królewski
אינ׳ם פילם נעמען אנטייל
מאדעלען קאראל, ראנאלד קאלמאן מערי אסטאר, דוגלאס פיירבענקס.
בילעטען פון 80 גר.
שבת און זונטאג האלב 1 מיטאג
WZGARDZONA

Kino - Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

דאס געניאלע ארטיסטען פארל
חיליאם פאחעל און לואיזא ריינער
אין שפיאנאוש פילם
ŚWIECZNIK KRÓLEWSKI

שבת און זונטאג מיטאג
Ostatni pociąg i Kraj miłości

Druk B. Bocian, Aleje 6 — Redaktor i wydawca: B. Bocian